STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00152

NITSOHN

Chane Safran

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Bella Tillis
in memory of
her parents

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חנה סאַפראַן

ניצחון

חנה סאַפראַן בוך - קאָמיטעט
ניו יאָרק, 1946

Copyright 1946
by
ANNE SAFRAN

Published by
CHANE SAFRAN BOOK COMMITTEE
Room 405
1 Union Sq. W., New York 3, N. Y.

אַ דיכטערין פון הארץ און אמת
פאָרוואָרט

פון י. ב. ביילין

„רחל וויינט אויף אירע קינדער,
חנה פירט זיי אויף קידוש השם;
מאַמעס רייסן אין די הימלען —
זייער אַנגסט, אוי גאָטעניו, פאַרנעם!"

אַזוי רייסט זיך אַרויס פון דער דיכטערישער ברוסט, אַזאַ צאַפּלדיק, האַרץ־פאַרכאַפּנדיק ליד. איר וועט עס געפינען אין אַט דער זאַמלונג. דאָס זיינען פּשוט׳ע, פרומע ווערטער. זיי פּאַסן זיך אפילו ניט אַריין אינ׳ם מהות פון אַ קאַמפּער. איר האָט נאָך מסתמא אַלס קינד געהערט די לעגענדעס וועגן דער „מוטער רחל" און וועגן „חנה׳ן מיט אירע זיבן זין". איר האָט זיי שוין מסתמא לאַנג אפילו געהאַט פאַרגעסן. אָבער אין דעם איצטיקן מאָמענט און אין דעם מצומצמ׳דיקן פּאָעטישן איבער־גוס פון דער דיכטערין, וועט דער פערז אויף אייך מאַכן אַ טיפן איינדרוק. אייניקע אַנדערע לידער וועלן אייך אויך רירן, אויב איר זיינט אפילו ניט פונ׳ם סענטימענטאַלן סאָרט. זיי וועלן בלייבן ביי אייך אומפאַרגעסלעך.

ווי דער גרויסער ענגלישער דיכטער ראָבערט בראַונינג האָט אַמאָל געזאָגט: „ווילסטו, אַז דיינע לידער זאָלן ניט פאַרגעסן ווערן? זינג וועגן דעם מענטשלעכן האַרץ." כאָטש איך צווייפל צי חנה סאַפּראַן האָט ספּעציעל אַזוי האַרציק געשריבן אירע לידער, כדי מ׳זאָל זיי ניט פאַר־געסן. גיכער איז עס פאַרקערט: מיר וועלן ניט פאַרגעסן אירע לידער, ווייל זי האָט זיי אַזוי האַרציק געשריבן.

בכלל אַ האַרציקער מענטש, מיט ווייכע, זינגענדיקע סטרונעס, מיט אַ געהעריק אויג, מיט אַ פיינעם אינטעלעקט און קולטורעלן הינ־טערגרונט, איז אָבער דאָס האַרציקע אין איר דער סימן מובהק, דער דערקען־צייכן. ווען זי רעדט וועגן דעם פאַרגאָסענעם אומשולדיקן בלוט פון די גריכישע קעמפער אין אַטען, גריכנלאַנד, זאָגט זי —

„עס רופט און עס מאָנט און עס הייליקט דעם מוט —
קיין שפּראַך איז ניט פרעמד מיר, ווען געשריבן מיט בלוט..."

צום שטאַרקסטן איז אונדזער דיכטערין אין אירע נאַטור־לידער. זי האָט אין זיי אַ ניצוץ, אַ פונק, פון דער אַלוועלטלעכער דיכטונג. איר אויג זעטיקט זיך ניט גענוג אָן מיט די וואונדערבאַרע פּייזאַזשן, מיט די רייכע קאָלירן, צי זי געפינט זיך ביים ים אין פלאָרידע, צי אין קאַלי־פאָרניע, צי אין ראָקאַוועי, ניו־יאָרק, שעפּט זי אָן פולע לונגען מיט פרילינג און זון, אירע סענסיטיווע נאָזלעכער אָטעמען טיף איין די ריחות

פון אַלערליי בלומען... אָבער זי נאַרט זיך ניט, אונדזער דיכטערין. באַלד כאַפּט זי זיך אויף צו דער ווירקלעכקייט אויף די ברייטע פעלדער פון דער וועלט. זי שרייט אויס פאַרצווייפלט: „אָ, פרילינג, מיין פרי־לינג, מען האָט דיך פאַרגוואַלטיקט!“ ווייל זי זעט, אַז צוזאַמען מיט די „ריחות פון יאַסמין, אַקאַציע און בעז, עס טראָגט זיך דער ריח פון פאַדלע און מת...“

חנה סאַפּראַן איז אַ טיף־סאָציאַלע דיכטערין. ווי ביי קיטס׳ן, איז „שיינקייט ביי איר אמת.“ גערעכטיקייט און גוטס פאַר דער גרעסטער צאָל. זי איז גרייט צו „פאַרביטן דאָס קלייד אויף אַ פאַנצער“. זי איז גרייט זיך צו שלאָגן דערפאַר. און באַטראַכט זי דעם ים אינ׳ם אויפרודער פון צאַרניקע כוואַליעס, קלערט זי גלייך: „ווי לאַנג האָט דער ים געקליבן זיין צאַרן? ווי לאַנג אים געכאַוועט אין פינצטערע טיפן? אין שטורעם ער רייניקט דאָס בייז פון די יאָרן, ברעכט בליי פון דעם הימל און הפקר פון שיפן.“

* * *

די דאָזיקע עטלעכע שורות ווערן געשריבן ניט צוליב קיין שום אַנדער כונה, ווי צוליב אָנרעגן דעם לייענער ניט יוצא צו זיין מיט קויפן דעם בוך אַליין, נאָר אויך אים לייענען. פּאָעזיע איז ביי אַ סך מענטשן, וואָס האָבן ניט אַנטוויקלט פאַר איר דעם געהעריקן חוש, ווי עפּעס וועגן וועלכן מ׳דאַרף ריידן מיט דרך־ארץ, אָבער מ׳איז ניט מחויב צו לייענען. דער אמת איז, דער ביטערער אמת, אַז מער מענטשן קויפן ביכער פון פּאָעזיע, ווי די וואָס לייענען זי. און דאָס איז אַ גרויסער שאָדן פאַר קולטור בכלל.

ניט לאַנג צוריק איז אָנגעגעבן געוואָרן פון אַ קאָמפּעטענטן אַמע־ריקאַנער קריטיקער, אַז דער טיראַזש פון די בעסטע ביכער פּאָעזיע אין ענגליש דערגרייכט קוים פינף טויזנט. אין ענגליש! די סאַמע פאַרשפּרייטסטע שפּראַך אין דער וועלט! וואָס פאַרמאָגט די סאַמע פאַרמעגלעכסטע קויפער פון ביכער! זי ווערט געלייענט צום מערסטן טייל פון פּאָעטן גופא, און פון סטודענטן, און אַ היפּשער טייל ווערט אפילו איבגאַנצן ניט געלייענט.

איך וויל האָפן, אַז דאָס דאָזיקע בוך „נצחון“ וועט געפינען זיין וועג אין פיל יידישע הייזער און אין הערצער. דער ענגלישער דיכטער אַלעקסאַנדער סמיט זאָגט אין זיין „דימטהאָרפ“ — „איך וויל בעסער מ׳זאָל מיך געדענקען צוליב מיינס אַ ליד, איידער צוליב אַ זיג.“ ליי־ענענדיק דאָס בוך און איבערלייענענדיק געוויסע לידער, וואָס וועלן איך באַזונדערס נעמען, וועט איר זיי געדענקען סיי צוליב די לידער גופא, סיי צוליב זייער נצחונ׳דיקן כאַראַקטער.

אָקט. 27, 1945.

1

נצחון

אַלע פלאַנצן ציִען זיך צו זונליכט,
און איך מיט זיי.
ווער איך דען נישט, ווי יעדער קערן דערנערט
מיט ברייטער האַנט פון מאַמע־ערד,
און ציִ זיך אין מיין שטומען דראַנג
צו די הימלען, ווי אַ זאַנג
וואָס דורשט נאָך ליכט און טוי־געטראַנק?

אַלע פלאַנצן צעבליִען זיך אין פרילינג,
און איך מיט זיי.
איז דען נישט מיין האַרץ אַ בוים, אַ גרינער,
וואָס האָט דורך לאַנגן ווינטער
איינגעהיט זיין זאַפט,
זיין גבורה און זיין קראַפט,
און בליט נצחונ׳דיק איצט אין פולער פראַכט?

אַלע פלאַנצן לעבן איבער שטורעמס,
און איך מיט זיי.
האָבן דען נישט אויף מיין קאָפּ געהאָגלט
שווערע, שאַרפע שטיינער,
מיין לייב געשניטן ביז די ביינער,
ווי דער בליץ מיט דונער־גוואַלד
צעלייגט דיביימער און... לאָזט דעם וואַלד?

מיט זינגענדיקע טריט

ערב דער וועלט־מלחמה

אַ, פרילינג!
אַזויפיל מאָל האָסטו מיך גענאַרט,
און ווידער גיי איך דיר אַנטקעגן מיט זינגענדיקע טריט;
אַזויפיל מאָל האָט מיין בוים געדאַרט,
דאָך וואונדערלעך־פריש באַדעקט ער זיך
אויפסניי מיט העלן צוויט.

און אפשר —
איז מיין ליבשאַפט צו דיר איצט נאָך שטאַרקער,
ווייל כ׳בין איבערלאָדן מיט פיין און שרעק,
ווי ליבשאַפט פון מאַמע צום קינד אירן, קראַנקן,
ווייל אַט און מען נעמט עס פון איר גאָר אַוועק?

איך ווייס —
עס וואַרטן אויף דיר אויך וויסטע טייוואָלים,
מיט האַס און מיט רשעות, מיט בלוטיקע הענט —
זיי וואַרטן אויף ליכטיקע, לויטערע הימלען
צו צערייסן קינדערשע פיס און הענט;
זיי וואַרטן אויף וועלדער צו טוליען האַרמאַטן,
פאַר זונשיין צו צינדן אין זעלנער דעם מוט,
זיי וואַרטן אויף טייכן צו ברעכן דעם אייז־דעק,
ס׳זאָל שטורמישער שטראָמען די כוואַליע פון בלוט.

און דאָך —
קאָנען די שוידערס מיין פרייד נישט באַצווינגען,
מיין אומרו און פלאַטער, מיין וואונדער אָן צאָל
איבער גרעזל און בלימל און וואַסערל קלאָרער —
איבער ווידער־באַשאַף אויף באַרג און אין טאָל.

היינט מורמלען ווינטלעך מיר לידער וואָס קלינגען,
ווי מעשיות פון קינדהייט, פון אייביקן גליק, —
פאַרווילט זיך גאָר זינגען, זינגען און זינגען,
און שפאַנען פאָראויס — נישט קוקן צוריק...

אָ, פרילינג, מײַן פרילינג!

איך האָב הײַנט אין פראָסט דעם פרילינג דערשפּירט.
דורשטיקע חושים האָבן אין װינטיקער לופט,
גענישטערט, געשמעקט, און גיריק געטרונקען
דעם באַרױשנדיקן װײַן פון בליאיקן דופט,
װאָס שפּאַרט זיך דורך ערדס געפרױרענער שיכט
אַרױפצו צו רחבות, צו זון און צו ליכט.

ס'האָט אַ װינטל מיט ליבשאַפט געגלעט הײַנט מײַן פּנים,
האָב איך פאַרגעסן אָן שרעק און מלחמה,
צעעפנט די פענצטער, די טירן צעפּראַלט —
ס'האָט אין מײַן בלוט זיך דער פרילינג צעקװאַלט!

װי דורך כשוף פאַרשװאונדן איז טרױער און לײד:
איך שװעב גאָר אַרום אין אַ װײַס, לופטיק קלײד,
צעלאָז מײַנע װײַכע, כװאַליעדיקע האָר —
— קום, טאַנץ מיט מיר, װינטל, אין העלן קאַיאָר!

אַװעק װינטערס שװערקײט, אַװעק איז דער אומעט,
עס שפּרײטן זיך לאַנקעס גלאַטע, װי סאַמעט.
— לאָמיר טאַנצן און זינגען צום פרילינג אַ ליד! —
נאָר װאָס טוען גאָר טאַנקען אָט־דאָ אינדערמיט?!

אָט דאָרט, װאו עס בליען מאַגנאָליעס — אַ פּראַכט!
גײט־אױף גאָר אַ פלאַקער — די ערד גיט אַ קראַך!
און מיט ריחות פון יאַסמין, אַקאַציע און בעז,
עס טראָגט זיך דער ריח פון פּאַדלע און מת...

אַ זע, מײַן קלײד איז פֿאַרשמירט מיט בלוט,
אין וואונדן דער קערפּער, אַש אויף מײַן קאָפּ...
דאָס פּנים פֿון שריפֿות צעבּרענט און צעקרימט,
מײַן פֿרילינג־ליִד גרויזאַם דערשטיקט און פֿאַרשטומט...

שטײ איך פֿון צאָרן און צער איבּערוועלטיקט:
אָ, פֿרילינג, מײַן פֿרילינג, מען האָט דיך פֿאַרגוואַלטיקט!
ווי אַ יונג־פֿרוי, אַ ריינע, דײַן בּליאונג פֿאַרשניטן,
וויינען איצט דײַנע צעטראָמפּלטע בּליטן...
ווי געשאָכטענע קינדער פֿונ׳ם מענטשלעכן מין,
זײ מאָנען אַ חשבּון, פֿאָדערן דין!

איז בּאַהאַלט מײַן קלײד און גיב מיר אַ פּאַנצער!
פֿאַרן פֿרילינג פֿון לעבּן שלאָגט אַ דור זיך אַ גאַנצער...
איך מוז איצט אין שלאַכטן, מיט גליאיקן גלויבּן —
גײן! מיר׳ן נישט לאָזן דעם פֿרילינג צעשטויבּן!

נייע שטערן

אין די ווייטן, אין די רוימען,
ליכט צעגאָסן איבער זוימען,
פליט אַ נייער דור פון שטערן —
אין בלוט געבאָרן און אין טרערן.

איבער וואָלקנס, העכער, העכער!
ערד פאַרשוואונדן . . . שפּיצן דעכער . . .
לופט צעוויגט אין ריטם נייעם:
ס'זינגט דער ווינט אין רוימען פרייע . . .

נייע שטערן איילן, איילן,
ס'איז נאָך ווייט — נאָך מיילן, מיילן . . .
מאַמע־ערד אין בלוט, אין שטויבן,
וואַרט אויף זיי, וואַרט מיט גלויבן . . .

שטערן רויטע, גרינע פינקלען,
ס'האָגלען פייער וואָלקן־ווינקלען!
קנאַל און קראַך, פייף און פלאַמען:
שטאָל און מענטש רייסט־אויף צוזאַמען!

ציען צונגען זיך צום הימל,
וועקן שטערן אויף פון דרימל . . .
נייע שטערן איילן, איילן,
הינטער זיי — רויך פאַר מיילן . . .

פרילינג אויף שלאַכטפעלער

עס בליען שוין בלומען אויף וועגן צעאַקערטע:
צווישן בלימעלעך רויטע, ווי בלוטיקע טראָפּנס,
שטראַלן מאַרגאַריטקעלעך אומשולדיק־ווייסע,
ווי פענדלעך פון שלום נאָך זיגן צעפלאַטערטע.

עס שפּאַרן זיך גראָזן דורך פאַרסמאַליעטער ערד:
מאָגערע, געלע, ווי פאַרמאַרעטע קינדער,
זיי שפּראָצן אַרויס אויף דינינקע פיסלעך
צווישן רעדער און שטיוול — צווישן מענטשן און פערד.

עס קוועלן אָן טייכן און פאַרגיסן טראַנשייען —
וואַשן די זעלנער פאַרלייזיקטע לייבער,
הענגען די העמדער אויף שטעכיקע דראָטן,
ווי סטראַשידלעס אין פעלד פאַרן שונא׳ס אַרמייען.

עס בלאָנדזשען אום פייגל, דערקענען נישט דאָס אָרט.
פליען פאַרלאָרן צווישן רוישנדיקע מאָנסטערס,
זוכן, ווי מענטשן, זייערע נעסטן צעשטערטע,
דעם בוים וואָס פלעגט רופן אין פרילינג פון יאָר.

עס וואַקסן אויס צווייגן אויף רוקנס פון טאַנקען.
דאַכט זיך: וועלדער אויף פייער־שפּייענדיקע בערג
טראָגן זיך ראַטעווען דאָס גרינקייט פון דער ערד
און היילן איר פּנים, דאָס וואונדיקע, קראַנקע.

זון־שטראַלן שווענקען שנייאיקע שטראָמען —
צעצינדט זיך אַ בענקשאַפט מיט גליאיקע פאַרבן:
אָ, מער זאָל דער פרילינג אין רויכן נישט שטאַרבן!
אָ, מער זאָל נישט דאַרבן פון שיינקייט דער זאָמען!

אַ וואַסערל ביים וועג

וואַסערל, דו רוישנדיקס, קרישטאָל־קלאָרער קוואַל,
וואָס מורמלסטו מחיה׳דיק מיט שטילן וואַסערפאַל?
ברענגסטו גרוסן ווייטע מיר פון טייכן און פון ים,
וואו אייביק ס׳רוישט געראַנגל פון קראַפט אַנטקעגן שטראָם?

ציסט דיין קראַפט פון בערג, פון קלאָרן שניי צעגאַנגען,
דאָך ביסטו אין פרילינג צום גרינעם טאָל דערגאַנגען.
האָבן פעלדער דיך געלאָקט, ווען פייגל נעמען ציען?
צי האָסטו שוין געאַנט, אַז כ׳וועל ביים וועג דאָ קניען?

שטיינער שושקען שוויגנדיק... דער מאָך ווערט ווייכער, גרינער.
ביימער־צווייגן בייגן זיך, שפּיגלען זיך אין שימער.
— שטויב פון גאַסן שטאָטישע, פון ווייטע וואַנדער־וועגן,
וואַש־אָפּ, דו ווייכער וואַסערל, ווי ס׳וואַשט דער ים די ברעגן.

טרינק אָן פעלדער דורשטיקע, וואו רייפע קערנער יערן.
לאָז אויף מינדסטן גרעזעלע פינקלען דיינס אַ שטערן.
פאַרביי געצעלטן זעלנערשע שלענגל דורך אַ וועג —
טאָמער לעכצט מיין קינד אַ טרונק — פון מאַרש מיט שווער געפּעק?

פרייד געגערט פון שפּיצן־בערג שפּרודלט אין דיין גאַנג —
אַ, טרינק מיין האַרץ אָן מיט בטחון, גרין־שאָטנדיק געזאַנג!
אויף שריפה־וועג כ׳נעם, וואַסערל, דיין ליד פון טייך און ים, —
דאָרט צינדן ברידער העלדישע פלאַמען קעגן פלאַם...

האַרבסט־רעגן

פויל, פויל, פאַלט אַ רעגן,
לאַנגזאַם קאַפּעט טראָפּ נאָך טראָפּ;
גרוי געזאַנג אויף גרויע וועגן
ריטמיש רינט אַראָפּ, אַראָפּ.

פייכט, פייכט, גלאַנצן גאַסן,
שאָטנס טוליען הייזער איין;
ס׳צינדט זיך ליכט דורך שויבן נאַסע,
שטיינער שפּיגלען בלאַסן שיין.

לייכט, לייכט, פאַלן בלעטער,
דעקן איין די ערד ביים בוים;
ס׳ציטערט צווייג... דורך טרערן זעט ער
ס׳פוילט דער בלאַט — זיין יוגנט־טרוים...

הויל, הויל, רינען רינעס,
שלאָפּ, שלאָפּ, שלאָפּען טריט;
כ׳הער ווי שטיל אויף רעגן־סטרונעס
ס׳שפּילט דער האַרבסט זיין אומעט־ליד.

שליטנס אויפן שניי

שליטנס אויפן שניי,
גלעקלעך אין דער נאַכט —
בין איך דאָרט געווען?
צי כ׳האָב עס אויסגעטראַכט?...

פראָסט פלאַמט רויט די באַקן,
שקיעה צינדט דעם שניי;
אונדזער שליטן איז דער שנעלסטער —
העט, אַרויס פון ריי!

זילבער־זייד אויף צווייגן
שימערט מיט שאַרפן גלאַנץ,
ס׳פליט אַ וואַלד אין שווייגן —
דרייט זיך אין אַ טאַנץ!

גלאַטיק גליטשט זיך שליטן,
פרעסט אָן רויש דעם שניי;
פערד צוהיצט אינמיטן —
גאַלאָפּ אין גלאָז־געדריי!

לבנה שווימט אַ קאַלטע,
פאַרגיסט מיט סוד די וועלט:
וויפיל וואונדער וואַרטן
אין ליכט־צעהעלטן פעלד?

וועג בייגט זיך, ווי בויגן,
געפאַרבט אין בלויען שיין, —
דורשטיק טרינקען אויגן,
עס זוכט דיין האַנט אויס מיין...

עס פלאַצן שיר די לונגען
מיט לופט, מיט פראָסט, מיט גלי!
האָב איך עס הויך געזונגען
אין בליק־צעבלענדטן פלי?

קנאַק פון בייטש און קנאַק פון פראָסט —
דער ווינט פאַרכאַפּט דעם אָטעם! —
צי האָסטו טאַקע מיך געקושט,
צי כ'האָב עס אויסגעחלומ'ט?...

שנײ

עס האָט זיך אין װײַסן פאַרפּוצט הײַנט מײַן װעלט, —
רופט מיך דער דרויסן, רופט מיך דאָס פעלד!

איך גײ דיר אַנטקעגן, שנײיאיקער שפּרײ!
אויס טײַכן, אויס װעגן — פאַרװישט און פאַרװײט,

בײמער בלויז סטאַרטשען פון װײַסקײט אַרויס
מיט בריליאַנטן, קרישטאָלן, װי עפּל די גרויס...

— העי, לײַ מיר דײַן שליטן, דו ייִנגל, דו העלד!
אָט פלי איך פאַר׳שכור׳ט פון באַרג אין דעם פעלד!

און װידער און װידער! דער טאָג שטײט נישט לאַנג, —
אַנו, לאָמיר בײדע מיט הילך, מיט געזאַנג

זיך געבן אַ לאָז אין דעם בלענדיקן פוך! —
עס דעקט אונדז, פאַרדעקט אונדז אַ קלאָרינקער טוך...

טאָ, לאָמיר שוין שפּאַנען, דאָ סקריפּן די טריט, —
אָט לאָז איך זיך טאַנצן צום טאַקט פון דײַן ליד!

די פיס זינקען טיף — שנײ אַריבער די קני —
עס פלאַמען די באַקן פון דעם בלענד, פון דעם גלי!

אין שאָטן פון אַ פּאַלמע

.1

אין שאָטן פון אַ פּאַלמע,
צופוסנס פון אַ ים,
שטילן כ׳וויל דעם אומרו —
ער פאַרצערט מיך ווי אַ פלאַם.

טרייבן כ׳וויל פון אויגן
מאוימ׳דיקע בילדער, —
ס׳קאָכט־אויף פון זיי מיין בלוט,
שטראָמט אַלץ ווילדער, ווילדער

טרערן לעשן פלאַמען,
טרייסט איז אין אַ טרער;
אין מיינע פינקלט גלויבן —
מיין פאָלקס געפּרואווט געווער. .

אינ׳ם טראָפּן פון אַ כוואַליע
שפּילט דער גרויסער ים:
מיט יעדן שלאָג פון האַרצן,
אַ קינד כ׳בין פון מיין שטאַם.

כוואַליעס שוים־באַזוימטע
שלאָגן צו צום ברעג —
אין שאָטן פון אַ פּאַלמע
כ׳רו אָפּ פון שווערע טעג.

.2

ווינטן מילדע ווייען,
וויגן צווייגן־פּעכער;
ס׳בלויט דער הימל, ווי אַן אויג,
דורך גרינע פּאַלמען־דעכער.

רויש פון ים, ווי ריזן־פליגל
פון ווייט אַלץ נענטער קומען —
זעלנער זינגען לידער —
כ׳הער זיי ברוסטיק ברומען.

„היפּ, העפּ, לינקס, רעכטס!"
איך הער די טריט מאַרשירן,
כ׳זע זיי אין די שטויביקע,
פאַרבלוטיקטע מונדירן,

ווי זיי לויפן, ווי זיי פאַלן,
און ברעכן דורך די פלאַמען! —
אָפּגעווישט איז שטח
און גרענעצן און ים׳ען...

וואָס ליג איך דאָ? וואָס וואַרט איך?
ווי וואָג איך גאָר צו רוען?!
צווייגן־פּעכער בויגן זיך,
הוידען זיך אין בלויען...

בײַם ים

נאַכט און פינצטערניש געדיכטע. ערד און הימל
צונױפגעגאָסן, פאַרגליװערט, שטום;
נאָר בײַם ברעג עס װײַסט זיך שפּרײַ צעקאָכטער
און קנױלנדיק צעפאַלט זיך מיט אַ ברום.

די ערד עקשנות׳דיק, געדולדיק,
ליגט און װאַרט פאַר מאָרגן־ליכט.
די כװאַליעס רױשן, רױשן, —
שנײַדן פינצטערניש געדיכט.

זײ רופן מיך מיט בלעזלדיקע פינגער.
(שװאַרץ איז נאַכט אָן שטערן, אָן לבנה...)
איך קום... איך קום... אין פלאַם פון קאָכעדיקן װאונדער,
צינדן שטערן בליציקע — דעם הימל אַ מתנה.

.2

נעם מיך, ים, אין דײַנע אָרעמס,
װיג מיך, װי אַ פּיצל קינד,
גלעט מיך מיט דײַן פרישן אָטעם,
זינג מיר מילד און לינד אַצינד.

לאָז מיר פון דײַן רחבות בױען
אַ בריק צום אורשפּרונג פון מײַן לעבן:
מײַן האָב און גוטס דיר פאַרטרױען —
דאָס אײביק־מענטשלעכע פון שטרעבן.

איך װעל זיך אױף די כװאַליעס לײגן,
פאַרדעקן זיך מיט װײַסן שױם,
פאַרמאַכן װײך די מידע אױגן,
זיך אָפּגעבן דעם סוד פון טרױם...

.3

ריטמיש, ריטמיש גלידער לייכטע!
אויף און אָפּ, ווי פלוס פון ים!
איך טוק זיך אונטער, אונטער כוואַליע,
שפּיר אויף צונג פון זאַלץ דעם טעם.

זע, ווי ס׳שימערט גאָלד פון זונען!
כ׳שווים אַריין אין גאָלדן־שטראָם —
אפשר וועל איך דאָ געפינען
פון מיין האַרץ דעם שטילן טרוים?

ווי אַ גאָלדפיש נעם איך בלאַנקען,
אויגן רונד, מיט וואונדער גרויס;
כ׳וועל פאַרוואַרפן דאָ מיין אַנקער —
ס׳וויגט מיך ים אין וויכן שויס.

.4

ער שרעקט מיך היינט מיט כמורנע ברעמען.
אַש־גרוי זיין פּנים, צעאַקערט אין קאַרבן.
אויף וועמען צאָרנט ער, אויף וועמען?
פאַר וועמען גרייט ער דעם פּסק, דעם האַרבן?

עס הייבן זיך ווענט פון אָפּגרונטן טיפע,
אַריבער מיין קאָפּ זיי הייבן זיך, שטייגן.
— דערלאַנגט ווער אַ האַנט מיר, אַ ברעט פון אַ שיפל! —
אַריבער דעם רעש, מיר ענטפערט אַ שווייגן...

שטורעם, דו בייזער, לאָז אָפּ אויף אַ ווײַלע!
ווי קליין איז מיין כח, אָט זינק איך אַרונטער...
אַ הייב און אַ וואָרף גיט צום ברעג מיך אַ כוואַליע —
כ׳פאַל־צו צו דעם ברעג אין געלייטערטן וואונדער.

.5

טעג שוין און וואָכן, ווי עס הוליעט דער שטורעם.
די וואַסערן זידן אין אייז־קאַלטן ים;
וואַסער־ראַקעטן אין קנויליקן פורעם
שיסן אַרויף מיט אַ בלוי־ווייסן פלאַם.

פליסיקע בערג אין וואולקאַנישן צאָרן
שליידערן כוואַליעס, ווי לאַווע, מיט קראַפט.
דער הימל, ווי בליי, אין כמאַרע פאַרפראָרן —
איך שטיי ביי דעם ברעג און ציטער און גאַף.

ווי לאַנג האָט דער ים געקליבן זיין צאָרן?
ווי לאַנג אים געכאָוועט אין פינצטערע טיפן?
אין שטורעם ער רייניקט דאָס בייז פון די יאָרן,
ברעכט בליי פון דעם הימל און הפקר פון שיפן...

.6

פון צווישן די וואָלקנס — אַ זילבערנער שימער.
אַ רונדע לבנה שפרייט פערלדיק ליכט;
מיליאָנען פייער־פונקען — פלינקע שווימער,
שפיגלען אָפּ אין כוואַליע זייער פינקלדיק געזיכט.

רואיק פליסט דער ים. ער רוט נאָך שטורעם שווערן.
אויסגעגלעט מנוחה׳דיק די טיפע קנייטשן־גריבער.
עס וואַכן איבער אים ווייטע וועלטן־שטערן —
פון זיין טיפער בעט, ער קוקט זיך מיט זיי איבער.

עס פליסט דער ים און פליסט אין אַלע אייביגקייטן.
אָן אָן אָנהויב און אָן אַ סוף איז ריטם פון זיין גאַנג.
און איך, אַ פינטעלע, אַ צאַפּלדיקס, אין רינג פון צייטן,
נעם אַריין אין זיך זיין שיינקייט, זיין אימפּעט און זיין קלאַנג.

ס׳איז מיין לעבן...

ס׳איז מיין לעבן, ווי אַ שטעג
וואָס שלענגלט זיך אַרויף, אַראָפּ,
דורך אַ וואַלד;
שניידט דורך ווילדן גראָז אַ וועג
צו פעלדער ברייטע, פאַרגאָסענע מיט גאָלד.

מיין לעבן איז אַ פרישער קוואַל
וואָס שלאָגט זיך דורך דורך פעלז און שטיין
פון טיפעניש;
באַהעפט זיך פאַרביק מיט אַ שטראַל
און שפּרודלט קרעפטיק אין זיין גיין.

ס׳איז מיין לעבן, ווי אַ בליץ
וואָס רייסט זיך אויף פון דראַנג און שטורעם
און פאַרשווינדט...
ווערט פּלוצלונג פינצטערניש — אַ ליכט,
קלינגט לאַנג נאָך עכאָ אויף אַ טורעם...

די אייביגקייט פון לעבן

.1

כ׳בין דאָס זעמדל,
דורך וועלכן ס׳וואַשט זיך דער ים.
כ׳בין דאָס בוימל,
דורך וועלכן ס׳ברעכט זיך דער שטורעם.

דורך מיינע אָדערן פליסט דאָס בלוט פון לעבן —
טראָפּן נאָך טראָפּן,
אָן אָפּשטעל, —
די אייביגקייט פון לעבן.

.2

כוואַליעס יאָגן איבער מיר,
שטורעמס ברעכן דורך מיין טיר —
איך בלייב גאַנץ.
ווי דאָס זעמדל,
ווי דאָס בוימל.

אַן אויסטערלישע פלאַנץ,
אַ צאַפּלדיקער פויגל, —
מיין פולסירנדיק האַרץ.
ווי אַ צעפּלאַטערטער זעגל
אויף ווינטיקע וועגן:
אָט שרומפּט עס,
אָט שפּאַרט עס
די ווינטן אַנטקעגן!

.3

פרייד פון באַזינגען,
פרייד פון באַצווינגען, —
מעכטיקע שטראָמען —
ארויפצו, אַרויף!

ס׳קאָנען יסורים
ניט האַלטן מיך, צאַמען, —
כ׳שטאַרק זיך אַריבער,
אַריבער מיין גוף!

.4

כ׳בין אי דאָס זעמדל,
אי דער ים ;
כ׳בין אי דאָס בוימל,
אי דער שטורעם.
כ׳בין אין האַרץ פון דער וועלט.

ווייבריר איך, ווי אַ סטרונע,
דין און שאַרף,
פון מינדסטן באַריר
אויף צויבערדיקער האַרף.
כ׳ציטער־אויף פון מינדסטן שאָרך,
און שפיר דעם ריטם אין מיין מאַרך
פון לויפן, יאָגן, טרייבן —
בייטשן אויף מיין צאַרטן גוף!
ס׳שניידט זיך איין אין לייב די רוט
און כ׳גיס זיך אָפּ מיט וואַרעם בלוט...

.5

פלאַמט־אויף מיין צאָרן, ווי אַ פלאַקער,
גליט אָן, ווי שטאָל, מאַרך און הענט —
ברען איך אין דעם ריינעם פייער,
ברען און ברען
און ווער נישט פאַרברענט.

.6

אין מיינע אָדערן פליסט דאָס בלוט פון לעבן.
טראָפּן נאָך טראָפּן,
אָן אָפּשטעל —
דער המשך פון לעבן —
די אייביגקייט פון לעבן.

פייף פון באַנען

כ׳האָב ליב דעם פייף פון באַנען
וואָס שניידט דעם שלאָף פון נאַכט —
כוויס נישט וואוהין, פונוואַנען,
נאָר ס׳רייצט דער וויטער שליאַך...

ווען שטילקייט שפּרייט די שטאָט
און דעקט זי, ווי אַ נעפּל:
עס שלאָפט דאָס הויז, דער סלופּ, דער דראָני,
אויף בוים דער בלאָט, דער עפּל,

און זאָט מיט זאָרג און מי פון טאָג,
אין שויס פון נאַכט פאַרוויגט,
ס׳גיט מענטש אין חלום זיך אַ יאָג
צום אויסגעבענקטן גליק —

טראָגט זיך דורך פייף פון באַנען,
ווי רוף פון וויטן שליאַך —
כ׳פרעג נישט וואוהין, פונוואַנען,
כ׳פלי מיט — ווי כ׳וואָלט זיין וואַך...

פרילינג

יעדן פרילינג, איך ווער אויפסניי געבאָרן,
ווי דער בעז וואָס בליט יאָר־איין, יאָר־אויס אויף בוים;
וואונדער קינדערשן דורך יאָרן נישט פאַרלאָרן —
פון אונטער ווינטער־אַש עס שפּראָצט דער יונגער טרוים.

פולער ווערן מיינע גלידער, זאַטער;
אָנגעגאָסן, ווי די רויז, מיט האָניק־זאַפט;
אָרעמס מיינע ווערן רונדער, גלאַטער,
ווי צווייגן גרינע אָנגעפּילט מיט קראַפט.

ס׳וועקט דער מאָרגן מיך אין העלן וואונדער —
ביי מיין פענצטער, אַ פויגל האָט אַ נעסט פאַרלייגט;
זינגען מיר אַ ליד שוין נישט באַזונדער —
זינגט דורך אונדז דאָס ליד פון פרילינגדיקער פרייד.

ס׳שמעקט דער טאָג מיט לאָנקעס ווייטע, גרינע;
ווינטן ברענגען מיר אַקאַציעס זיסן גלעט;
שטיינער, מויערן צעגייען און צערינען,
אַ שכור׳ע, איך שעפּ די לופט און שעפּ.

פרילינג־נאַכט איז כשוף און פאַרבלענדונג...
איך וואַנדער אום און קלייב דעם קאַרשן־צוויט.
ליכט און שאָטן אויף די צווייגן הענגען,
בענקשאַפט זינגט אין מיינע ווייכע טריט.

זינגט מיר אַ ליד

זינגט מיר אַ ליד פון באַרג־שפּיצן הויכע,
וואו שניי קוקט פון אייביק צו וואָלקנס אַראָפּ,
וואו זון־בלענד שטראַלט לויטער פאַר דעם וואָס איז זוכה
פון באַרג־שפּיץ, דעם העכסטן, צו גרייכן דעם קאָפּ.

כ׳וויס פון לאַנג שוין דעם שוידער פון שטאָק־שוואַרצע תהומ׳ען,
וואו שטילקייט שרייט שפּיציק, שטעכט שאַרבן מיט שרעק;
מוז איך גרונטעוועו טיפער, די פינצטערניש צוימען,
און צום באַרג־שפּיץ, דעם העכסטן, פאַרלייגן אַ וועג.

זינגט מיר אַ ליד פון ימ׳ען צעברויזטע,
וואו כוואַליע שלאָגט אייביק דעם זאַמדיקן ברעג;
וואו אומרו פליסט ריטמיש און ראַשיק־צערוישטע
עס שווימען דאָס גאָלד און דאָס זילבער פון טעג.

כ׳וויס פון לאַנג שוין דעם גליוועד פון קוואַלן פאַרשטאָפּטע,
פאַרטריקנט, פאַרזונקען אין ערדישער ראָם;
וועל איך גראָבן אַלץ טיפער, דעם שימל אַ הייב טאָן,
און ריטשקעלעך־שטראָמען פאַרציען צום ים.

זינגט מיר אַ ליד פון פעלקער באַפרייטע,
פונ׳ם זיגרייכן מאַרש צו פרידן און גליק,
ווען חלום ווערט וואָר און ס׳חלומ׳ט מענטש ווייטער
פון ערד ביז די הימלען צו בויען אַ בריק.

כ׳וויס פון לאַנג שוין דעם גרויל פון גלידער געשמידטע,
פונ׳ם גרויזאַמען ראַנגל — דעם פּיין און דעם מוט, —
טראָג איך מיין לעבן אין קאַמפן צעגליטע
צושטייער דעם מאָרגן וואָס זינגט אין מיין בלוט.

2

מאַמעס

רחל וויינט אויף אירע קינדער.
חנה פירט זיי אויף קדוש־השם.
מאַמעס רייסן־איין די הימלען —
זייער אַנגסט, אוי, גאָטעניו, פאַרנעם!

מאַמעס טרערן — אוי, ווי זיי רינען
שוין טויזנטער יאָרן אויף בלוטיקע פעלדער...
נאָר רחל וויינט אויף טעכטער און זין
געקוילעט אין קעלערס, אין געטאָס, אין וועלדער.

און חנה, די שטאַרקע — זי לאָזט נישט קיין טרער.
איר פנים צעאַקערט פון פיין און יסורים,
נאָר זיבן מאָל שטאַרבן איז נישט אַזוי שווער,
ווי לאָזן זיך שמידן אין שקלאַפישן פורעם.

רחל, זי קלאָגט אַלץ, וויל טרייסטווארט נישט הערן —
צו גרויס איז דער חורבן! צו שווער איז דער יאָך!
זי וויל די ערד און די הימלען באַשווערן
נקמה צו נעמען פאַר ביטערן בראָך.

נאָר חנה איז רואיק. זי איז גרייט פאַר דעם פיינט.
בלוט פון איר בלוט פליסט אין טויטלעכע שלאַכטן.
זי באַגלייט אירע קינדער נאַכט־אויס און נאַכט־איין
און גרייט זיך צום טאָג — אויפן שייד־וועג פון שליאַכן.

וויג־ליד — 1942

שלאָף מיין קינד, שלאָף, ליו־ליו,
טאָג אַוועק — נאַכט פאַלט צו.
זאָל די נאַכט אונדז ברענגען רו...
אַי ליו־ליו, ליו־ליו, ליו־ליו.

טיר און פענצטער פעסט פאַרמאַכט:
ס'זאָל נישט פאַלן קיין פאַרדאַכט,
ס'זאָל קיין ליכט נישט ווייזן וועג
די מחבלים אויף גע'עג...

שלאָף מיין לעבן, שלאָף ליו־ליו.
צו סירענעס געוואוין זיך צו.
כ'דעק דיך איין און זינג דיר: ליו,
אַי ליו־ליו, ליו־ליו, ליו־ליו.

אויף הוילער ערד, אָן אַ דאַך,
ס'וואַלגערן קינדער זיך אַ סך;
אָן אַ היים, אין פראָסט און ווינט —
ס'איז די מאַמעס ווי' און ווינד...

שלאָף מיין מלאכ'ל, מיין שיינס.
ס'איז דיין פּנים פול מיט חן.
ס'איז דיין טאַטע שטאָלץ מיט דיר,
ווי איך בין שטאָלץ מיט זיין מונדיר.

ס'שטייט דיין טאַטע איצט אויף וואַך
פאַר דער רו פון אונדזער נאַכט;
פאַר אַ וועלט, וואו זאָרגלאָז, פריי,
וואַקסן קינדער אויפדאַסניי.

שלאָף מיין פּיצל, שלאָף, נישט וויין.
פאָ וועט קומען גיך אַהיים,
ברענגען אונדז מתנות פיל,
שלאָף מיין קינד, שלאָף, זיי שטיל...

וועט ליכט פלאַטערן אויף דיין וויג,
מוזיק וועט שפּילן מאַרש פון זיג,
ס'וועלן טאַנצן קינד און קייט —
אוי, וועט זיין ביי אונדז אַ פרייד!

אַי, ליו־ליו, ליו־ליו, ליו־ליו.
סירענע שטיל... ס'טאָגט שוין גראָ...
מאַמעס אויגן פאַלן צו...
שלאָף מיין פּיצל, שלאָף, ליו־ליו.

גיי, קינד מיינס

מיין זון, בערנאַרדן, געווידמעט.

איך וויל פון אַ האַרץ־קלאַפּ אַ ליד היינט באַשאַפן,
נאָר ס׳ציטערט און ס׳וואַרפט זיך די פּען אין מיין האַנט;
כ׳וויל זינגען מיין קינד פון אַ זיכערן האַפן,
נאָר ס׳פלאַקערט די ערד מיט אַ העלישן בראַנד.

איך וואָלט אים געזונגען דאָס ליד פון דעם וויגל,
נאָר כ׳שעם זיך — עס רינט אַ טרער אויף מיין באַק...
ער טראָגט זיינע פרילינגס, די אַכצן, ווי פליגל,
נאָר שווער הענגט פון פלייצע דער זעלנערשער פּאַק.

ער איז, ווי די ביימער, די שלאַנקע, געוואַקסן,
גע׳כשופ׳ט מיט פאַרבן, געצייכנט, געמאָלן;
דורך זוניקע טעג, דורך ווינטן און שלאַקסן,
מיט קרייד זיך געראַנגלט, מיט שיינקייט געקוואָלן.

איך וואָלט אים געזונגען פון פעלדער מיט זאַנגען,
נאָר ס׳יאָגן איצט טעג אין אַ ווילדן געיעג;
איך וואָלט אים דעם הימל, די שטערן דערלאַנגען,
נאָר ס׳ציט זיך איצט ווייט און בלוטיק דער וועג...

די אויגן, ווי מיינע, מיט אומרו באַהאַנגען —
דעם פּענזל פאַרביטן אויף ביקס איבערנאַכט:
„מיט ביקס קאָן מען שלאָגן, איז מאַרש און געגאַנגען!
כ׳וועל שיקן דיר, מאַמע, אַ בריוו שוין פון שלאַכט!״

איך וואָלט אים פון בלוטיקן מעסער באַהאַלטן,
נאָר טיף ברענט אין לייב די נאַצישע וואונד...
עס מאָנען פאַרפייניקטע קדושים־געשטאַלטן,
עס מאָנען די פעלקער אין הייליקן בונד.

איך האָב אים דעם פּאַק אויף די פּלייצעס פאַרבונדן,
נאָך איינמאָל צום ברוסט, צום האַרץ צוגעדריקט:
„גיי, קינד מיינס, גיי לעבן, גיי מיר געזונט שוין,
מיט זיג אויף דיין פּנים צו מיר קום צוריק!

איך לאָז אין דיין צימער דעם לייוונט, דעם בונטן,
ער איז נישט פאַרענדיקט, ער וואַרט אויף דיין האַנט...
אָ, זאָל מיר באַשערט זיין דיך זען אַ געזונטן
אויף לייוונט באַזינגען דעם זיג פון דיין לאַנד!

דו טראָגסט, ווי אַ העלד, אויף די וועגן פון שטורעם,
דיין גורל, דיין חוב פון אַמעריקאַנער און איד.
איך וויל דיר היינט געבן מיין האַרץ און מיין אָרעם —
נעם זיי מיט דיר אין מיין ציטערדיק ליד.

אַ בריוו פון מיין זון

אַ בריוו פון מיין זון פון דער ווייט אָנגעפלויגן
צו דערפרייען מיין האַרץ, דערקוויקן מיינע אויגן.
ווי אַ דורשטיקער פאַלט צו צום קוואַלכל ביים וועג,
איך טרינק פון די שורות — לעש מדבר פון טעג...

דער בריוו איז צו מיר מיט ליבשאַפט געפלויגן:
אים האָבן באַוואַכט די ליכטיקסטע אויגן;
אים האָבן באַשיצט אין שטאָלענע שיפן,
העלדן וואָס שאַפן לעגענדעס און מיפן...

זיי האָבן די ים׳ען, די טיפע, געשפּאָלטן,
דורך שטורמישע כוואַליעס זיין אָטעם דערהאַלטן;
פון טויזנט געפאַרן פאַרהיט זיין געשטאַלט —
די האַנטשריפט ווי זונליכט, מיך וואַרעמט און שטראַלט.

איך האָב שוין דעם בריוו אַ מאָל צענדליק געלייענט:
פאַר פרייד און פאַר צער אי געלאַכט, אי געוויינט...
ער שמעקט נאָך מיט ים, מיט זאַלץ־שפּריי און ווינט —
אַ דאַנק אייך פאַר ברענגען דעם בריוו פון מיין קינד!

מאַמע

.1

מאַמע, דו האָסט אונדז געכאָוועט,
דיין בלוט און דיין האַרץ אונדז געגעבן,
געבענטשט אונדז מיט ברכות פון אבות,
געצונדן דאָס ליכט פון דעם לעבן.

מאַמע, דו האָסט אונדז געצערטלט,
מיט זונשיין געבאָדן די גלידער,
געהיט אונדז פון ווינטן און קעלטן,
געזונגען אונדז האַרציקע לידער.

מאַמע, דו האָסט אונדז געלערנט
די שיינקייט פון אמת צו טראָגן —
הייבן מיר היינט דאָס געווער אויף
דעם שונא פון לעבן צו שלאָגן.

.2

אויב אַ קויל וועט אַ קינד דיינס פאַרוואונדן,
דו, מאַמע, וועסט שטיין ביי זיין זייט;
מיט ליבשאַפט אים היילן די וואונדן
און זינגען פון גליקלעכער צייט.

פון צייט, וואָס מיט גאָלדענע ליכטער,
זי קומט צו באַפרייען דעם מענטש —
דו, מאַמע, דו אייביקער דיכטער!
דו טרוימסט מיט די מאַמעשע הענט...

און אויב פאַלן, ס'וועט ווערן באַשערט זיין,
דו, מאַמע, וועסט רופן אין קריג.
וועט גרינגער אים דעמאָלט די ערד זיין —
ער וועט הערן דיין נקמה'דיק ליד.

נאָר מערסטע וועלן זיגרייכע קומען.
ס'וועלן שפּילן אָרקעסטערס מוזיק,
און מאַמעס געצירטע אין בלומען
וועלן טאַנצן אין גאַסן פאַר גליק.

אונדזערע קינדער

אונדזערע קינדער — אַמעריקעס זין,
שלאַנק זיך צעוואַקסן — בויגעוודיק, דין,
פון פאַרם און פאַבריק, פון דאָרף און פון שטאָט,
מאַרשירן צום פראָנט מיט שטאָלצקייט אין טראָט.

אונדזערע קינדער — די בליאונג פון פאָלק,
מיט מוסקלען ווי אייזן, און קערפּערס ווי שטאָל,
מיט ליכט אין די אויגן און געזאַנג אין די גלידער,
זיי האָבן דערהערט איצט אַ יאָמער פון ברידער.

אונדזערע קינדער פון טאַנץ און פון שפּיל,
פון געוועט און פאַרמעסט און האַפנונגען פיל,
דערהויבן צו העלדן אויף וועגן פון שטורעם,
אין פייער פון קאַמפן זיי ווערן געפורעמט.

אונדזערע קינדער — ס'שוואַרצאַפּל פון אויג,
געקעכלט, געהיט יעדן ריר, יעדן בויג, —
מיר גיבן אונדזער לאַנד אַוועק אונדזער בלוט
מיט טרערלאָזע אויגן, מיט פעסטקייט און מוט.

ליד פון אַ כלה

פויגל פאַר מיין פענצטער,
צוויטשערסט: צוויר, צוויר, צוויר.
אוי, ס'איז איצט מיין שענסטער
אַזוי ווייט פון מיר...

איך האָב זיין אָרט פאַרנומען
ביים ראָד אין דער פאַבריק;
אין רויש פונ'ם רעדער־זשומען
היט איך אונדזער גליק...

פויגל־פליגל פלאַטער!
פלי דורך וואַלקנס ווייט!
זעסטו וואו מיין ליבסטן,
זאָג אים — כ'בלייב אים טריי.

זאָג אים: כ'וועל זיין מוטיק
ווי ער איז אינ'ם קריג;
מעג קאַמף זיין לאַנג און בלוטיק,
וועט האַנט נישט ווערן מיד.

פויגל מיינער, טרייער,
טראָג אים מיין געזאַנג,
ס'זאָל זיין בליק זיין פרייער,
ווען ער טרייבט זיין טאַנק.

דערצייל אים: ס'בליט דאָס בעז שוין,
דער קאַרשן־בוים, די רויז, —
איך האָב פאַרפלאַנצט פיל בלומען
ביים גאַניקל פון הויז.

פויגל־פליגל פלאַטער!
פלי דורך פייער, שטאָל!
מיין קוש אויף דיינע פליגל,
מיין אָטעם אין דיין קול...

אין דער נאַכט פון ניי־יאָר

לאָמיר פּייערן ניי־יאָר, אויך היי־יאָר, מיין פריינט.
געדענק, ס'איז די נאַכט פון מוזיק און פון ווייַן,
פון ליכט און פון ליד, פון לוסטיקן טאַנץ, —
אָ, לאָמיר היינט זינגען אַ פריילעך געזאַנג!
קוש מיך געליבטער! עס רוקט זיך דער ווייזער,
אַ יאָר גייט אַוועק, אַ שרעקלעכער, בייזער...

— — — — — — —

טונקל אינדרויסן?
די גאַסן פאַרשוואַרצט?
וואו ביסטו עס אויסן,
וואו ביסטו מיין האַרץ?

אויף שטורמישע כוואַליעס,
אין דזשאַנגלס, אין וועלדער,
צי ביסטו אין אויסטראַליע?
אויף אַפריקע־פעלדער?

אפשר גאָר שטייסטו אין קאַלטער אַלאַסקע,
אין פראַסטיקער, אייזיקער נאַכט אויף דער וואַך?
טראַכסט פון דיין היים, פון אַ צערטלעכער לאַסקע,
פון אַ וואַרעמען ווינקל, אַ פריינטלעכער טיר, —
בענקסט נאָך דיין מאַמען און — אפשר נאָך מיר?...

ס'קאָן זיין: עס גייט איצט מיט היץ אָן די שלאַכט,
צעפּאַסמעט מיט בליצן איז דאָרטן די נאַכט,
נאָר אין פייף פון שראַפּנעלן, אין בליץ פון ראַקעטן,
דערזעסטו זיך — ניי־יאָר — מיט מיר אין מאַנהעטן?...

אָט באַלד וועט שוין שלאָגן די מיטננאַכט שעה.
באַלד קומט אָן דאָס נייע, גורל׳פולע יאָר.
איך הער שוין דאָס הודען, פון פייפלען דאָס בלאָזן,
דאָך איך וועל די רווישיקע גאַסן פאַרלאָזן...

אויף פליגל פון בענקשאַפט כ׳וועל פליען צו דיר —
וועסט שפירן מיין אָטעם, מיין הייסן באַריר...
כ׳וועל היינט נישט טרינקען קיין בעכער מיט וויין,
דיר קושן די ליפּן, וואו דו זאָלסט נישט זיין...
כ׳וועל היינט נישט טאַנצן ביז העלן קאַיאָר —
כ׳וועל מיט דיר אויפן שלאַכטפעלד באַגעגענען דעם יאָר.

ווי זיס דער נצחון

א בריוו צו א געליבטן אין דער אַרמיי.

טייערער:

ווען וועסט קומען צוריק אַהיים,
וועל איך טאַנצן פאַר דיר דעם טאַנץ פון די זונען —
אין ליכט וועל איך שוועבן, אין זוניקער פּראַכט;
דאָס ליכט וועסטו פאַר מיר האָבן געוואונען
דורך פינצטערע נעכט, אין טויטלעכער שלאַכט.

ליבסטער:

ווען וועסט קומען צוריק אַהיים,
וועל איך זינגען פאַר דיר דאָס ליד פון די לידער,
דאָס ליד פון ליבע, וואָס איז שטאַרקער פון האַס.
ס'וועט זינגען דורך מיינע צאַפּלדיקע גלידער,
דורך ליפּן — דורשטיק און אויגן — נאַס...
און אַז דו וועסט מיך אַ הייב טאָן אינמיטן דער גאַס,
וועט מיין קול זיך פאַרגיין אין אַ האַרציקער תפילה:
— „מיט, דיר, מיט דיר, אין שעה'ן, אין שטילע;
מיט דיר אין טעג פון בוי און בטחון" —
אין דיינע אָרעמס, די שטאַרקע,
ווי זיס וועט זיין דער נצחון!

איך העלף דיר געווינען די שלאַכט

געווידמעט די פרויען־אַרמייען.

מיין געליבטער פאַרמאָגט אַ פּאָר ליכטיקע אויגן,
איז ער אַ פליער — אַ כוואַט!
און מיך האָט מיין מאַמע פון קליינוויין דערצויגן
צו זיין צווישן יאָטן — אַ יאָט...

אַוועק איז מיין ליבסטער שלאָגן דעם שונא —
אַ מעכטיקער אָדלער מיט זילבערנע פליגל —
וועל איך דאָך נישט זעצן זיך קלאָגן און וויינען,
נישט דאָס האָט מיך מאַמע געלערנט ביים וויגל.

זי האָט מיר דערציילט פון העלדישע פרויען,
וואָר און לעגענדע פון אונדזער אַמאָל —
שליס איך זיך אָן אָן די פרויען־אַרמייען,
אויך היינט זיינען נויטיק נערוון, ווי שטאָל.

שלאָגן איצט שעה'ן, ווי שוימיקע כוואַליעס,
מיט אימפּעט, מיט אויפּברויז, מיט קראַפט!
— אַ, האַרציקער, ליבער, דורך טויזנטער מיילן
איך העלף דיר געווינען די שלאַכט!

מיין געליבטער פאַרמאָגט אַ פּאָר ליכטיקע אויגן,
איז ער אַ פליער — אַ כוואַט!
און מיך האָט מיין מאַמע פון קליינוויין דערצויגן
צו זיין צווישן יאָטן — אַ יאָט.

בענקשאַפט

פאַרנאַכט איז בענקשאַפט אָנגעקומען
מיט פליגל אומזעבאַרע, בלויע.
דעם אויבנאָן אין האַרץ פאַרנומען,
וואו ס'נאָגט שוין לאַנג אַ וואונד, אַ רויע.

און האָט זי דאָרטן זיך באַזעצט,
האָט זי אַ געוועב געגומען שפינען,
מיט בלוט פון האַרצן דורכגעגעצט,
אַזוי — אַ נאַכט לאַנג — ביז באַגינען.

נאָר ווען דער מאָרגן האָט געגומען שטראַלן
מיט פורפור־רויט און גרינע הימלען,
אין טוי געוויקלט, ווי אין שאַלן,
האָט זי זיס געגומען דרימלען.

דרימלט זי... און אַ הייטל, ווי אַ חלום,
פאַרציט רחמנות'דיק די וואונד, די רויע...
ביז דער טאָג מיט זיינע ראַשיקע טייוואָלים
רייסט אויף פון שלאָף די פליגל אירע, בלויע.

ליבשאַפט

מיין ליבשאַפט פאַר דיר איז געוועבט פון אַ שטאָף,
וואָס ווערט קיינמאָל נישט אַלט, נישט צעריסן;
זי הילט מיך אַרום, ווען איך וואַך, ווען איך שלאָף —
איך שוועב אין אַ חלום, אַ זיסן.

דיין ליבשאַפט פאַר מיר איז אַ שטראָמיקער קוואַל,
פון וועלכן איך טרינק און איך טרינק;
איך בין אַזוי מיידלש צעפלאַמט און צעשטראַלט —
דיין ליבשאַפט, זי זינגט אין מיר, זינגט.

און וואו נאָר איך גיי און וואו נאָר איך שפאַן,
דעם פאָדעם פון ליבשאַפט איך וויקל;
עס פלייצט אַרום מיר די ליבשאַפט פון מאַן,
איך שעפ פולע עמערס און כ'שכור.

3

רויטהויטיקע שוועסטער

צו אַ נאַוואַהאַ אינדיאַנערין.

דו שטייסט זיך פאַרפוצט אין פאַרביקע קליידער —
איך שטיי אויפן שוועל ביי דיין טיר.
ביים זייט זיצט דיין מאַן, אַ כמורנער, אַ בייזער —
איז ער ברוגז מיט דיר, צי מיט מיר?

עס פלאַמט מיר דאָס פּנים פון בושה און צער:
ווי אָרעם עס איז דיין געצעלט!
אין ווינקל עס טוליען זיך קינדער אַ פּאָר —
צי איז דאָס פון שרעק, צי פון קעלט?

זיי מוחל מיין נייגיר, רויטהויטיקע שוועסטער!
איך וועל דאָ נישט זאַמען צו לאַנג.
ווי קונציק שליפסט רינגלעך פאַר אידעלע פינגער,
ווי שאַרף ס׳איז פון זילבער דער קלאַנג!

אומזיסט טראָגט מיין הויט די שולד פון דורות —
איר ווייסקייט איז מיר נישט קיין שוץ...
אויך מיין פאָלק ווערט דורות־לאַנג שוין גע׳רודפ׳ט —
זיין עקשנות וואָלט דיר קומען צונוץ...

איך ברענג דיר אַ טרייסט, רויטהויטיקע שוועסטער:
אין קאַמף גייט אויף האָפענונג פון וועלט!
עס בליען אין אים אַלע לידער, די שענסטע,
אויך די פון דיין אָרעם געצעלט.

מיין לאַנד, מיין גרויס, שיין לאַנד

פון אַ רייזע איבערן לאַנד פאַר פוירל האַרבאַר.

אַזוי רחבות׳דיק ברייט איז מיין לאַנד,
אַז כ׳זאָל פאָרן אין אים יאָרנלאַנג,
וועל איך זיין יעדן ווינקל נישט דערבליקן;

אַזוי פאַרשיידן די זין פון מיין לאַנד,
אַז כ׳זאָל זיי פאָרשן ביז מיין לעצטן זון־פאַרגאַנג,
וועט זייער נייקייט אַלץ מיין האַרץ דערקוויקן;

אַזוי וואונדערלעך־שיין איז מיין לאַנד,
אַז כ׳זאָל עס באַוואונדערן אַ לעבנלאַנג,
וועט מיין אויג זיך אַלץ גענוג נישט זעטיקן;

און אַזוי יוגנטלעך שטאַרק איז מיין לאַנד,
אַז זאָל איך מיד ווערן אין מיין לעבנגאַנג,
וועט זיין פרישער גייסט, ווי ווין מיך קרעפטיקן.

1.

עס גלאַנצט דער אַספאַלט אויף די וועגן,
זיי ציען אַרויף־באַרג, אַראָפּ;
אונדז לויפן מאַשינען אַנטקעגן,
זיי איילן זיך, יאָגן גאַלאָפּ.

די פעלדער אין לויף אויסגעבויגן,
זיי זינגען אַ ווייצן־געזאַנג;
די בלימעלעך ווינקען, ווי אויגן,
פאַרלירן זיי טוט אַזוי באַנג...

פאַררייסטו די אויגן צום הימל,
דערזעסטו, אַ וואָלקנדל רייט;
און זוכסטו אין גראָזן אַ בלימל,
געפינסטו אַ שפּרינגער, וואָס שרייט.

עס הייבן זיך בערג, ווי די ריזן,
אויף אַקסלען זיי טראָגן אַ וואַלד.
די זון האָט זיך שטעלן באַוויזן
אויף שפּיצן — זי בלענדט דאָרט און שטראַלט.

דער וועג שניידט דורך וואַלד, דעם געדיכטן,
ס'ווערט שאָטנדיק, קיל דער אַספאַלט;
עס ציען זיך דעמבעס און פּיכטן —
עס רוישט מיט די ביימער דער וואַלד.

עס שפּילן זיך ליכט דאָ און שאָטן,
מאַשין שניידט די שטילקייט מיט רויש,
די פייגל אויף טעלעגראַף־דראָטן,
צעפּלאָשעטע פליען אַרויס.

איצט ציט זיך דער וועג שוין אויף בריקן —
אַ טייך פליסט דאָ קרעפּטיק און ברייט.
דורך שטאָלענע שטאַנגען עס בלאַנקען
די כוואַליעס מיט רענדלעך פאַרזייט.

פון ווייטן אונדז קומען אַנטקעגן
שפּיץ־דעכער מיט קוימענס באַנאַנד;
עס ציען זיך ווייט, ווייט די וועגן
דורך פעלדער און שטעט פון מיין לאַנד.

.2

„מיין סטריט" ליגט שטענדיק פאַרשלאָפן:
אויף קונה וואַרט „דזשענעראַל סטאָר";
די „פּאָסט־אָפיס"־טיר שטייט זיך אָפן,
עס גענעצן „קלערקס" דאָרט אַ פּאָר.

עס זיצן זיך שכנים געמיטלעך
אויף באַנק ביי דער באַנק פון דער שטאָט;
דאָרט זיצט אויך דער שעריף און ריכטער —
זיי שמועסן פון מענטש און פון גאָט.

דו שטעלסט אָפּ פּאַמעלעך דאָס רעדל
און פרעגסט ווי צו פאָרן, ווי לאַנג,
מען ענטפערט דיר העפלעך און איידל
און ווייטער מען זיצט אויף דער באַנק.

טייל הייזער, ווי טרוקענער קאָרן,
פון אַנדערע פאַרב פרישע שמעקט,
נאָר אַלעמענס פענצטער מיט שטאָרן
פאַרצויגן, פאַרמאַכט און פאַרדעקט.

דער מאַן אין גאַז־סטאַנציע שמייכלט:
— „אַ שיינער טאָג!" — ווייזט ער די ציין.
ער רעדט מיט אַ ניגון, אַ ווייכן, —
ס'איז שווער זיין אַקצענט צו פאַרשטיין.

.3

עס בלענדט בראָדוויי מיט שוי־וויטרינעס,
מיט שפע פון קליידער און שיך;
טראַמווייען אויף גלאַנציקע שינעס,
עס שטראָמען די מענטשן גיך, גיך.

דער אָטעם פון גרויס־שטאָט פאַר'שכור'ט.
געביידעס — פאַלאַצן פון שטיין.
פון הימלען זיי רייסן אָפּ שטיקער,
אין וואָלקנס זיי שניידן אַריין.

פאַרשלונגען די פינצטערע ווינקלען,
שטאָט באָדט זיך אין בלענדיקן ליכט,
די רויט־גרינע פייערן פינקלען,
באַפאַרבן העל יעדנס געזיכט.

עס הודעט אַ פּייף פון פאַבריקן,
פון קוימענס עס זעצט שוואַרצער רויך, —
דאָ נייען מאַשינען און שטריקן,
דאָ שאַפט אַלץ פון אַרבעט דער כח.

דאָ שמעלצט מען אין שטאָל־גיסערייען
דעם אייזן, טשוגון פאַר טורבינען;
דאָ וואַקסן, ווי ריזן, אין רייען,
מאָטאָרן, געצייג און מאַשינען.

אַרויס פון די ראַשיקע גאַסן,
צעשפּילט זיך פאָנטאַן אויף אַ סקווער.
די מאַמעס פון אַלערליי ראַסן
די קינדערלעך ברענגען אַהער.

מיר פאָרן דורך גרינע אַלייען
מיטביימער און בלומען פאַרפלאַנצט.
באַלד ציען זיך ווידער שאָסייען
אין העלן, אין זוניקן גלאַנץ.

.4

דער הימל צעצינדט זיך אין פאַרבן:
סיף־גרין, פיאָלעט, שאַרלאַך־רויט;
עס ווילט זיך דעם טאָג היינט נישט שטאַרבן —
אַ ווינקל פון הימל נאָך בלויט.

עס הילן איין שאָטנס די וועלדער;
ס'זינגט פויגל מיט אַ קול'כל, אַ דינס;
עס רופט אָן אַריינפאָר דורך פעלדער
מיט הייזקעס, ווי צאַצקעס אינ'ם גרינס.

עס קייט דער באַלעבאָס „טשו־טאַבאַקאַ"
און קונציק ער שפּייט אָן אַ זייט;
זיין ווייב האַלט אַ בעקן צום באַקן,
זי גריסט אונדז: „האַיאַ!" — פון ווייט.

די קינדער זיי קוקן באַהאַלטן
אויף מענטשן פון וויַיט־וווייטער „איסט״;
זיי ווייזן אין בערג אונדז אויף שפּאַלטן,
וואו הייל־מענטש די זון האָט באַגריסט.

און רונדע אינדיאַנער־געצעלטן,
באַדעקטע מיט טרוקענעם שטרוי,
דאָ שטייען אין היצן און קעלטן,
פאַר יאָרן און יאָרן אַזוי.

אָט שפּאַנט אַן אינדיאַנער פאַמעלעך:
האָר שוואַרצע פאַרבונדן מיט באַנד;
אויפן האַלדז פאַטשערקעס העלע,
די קליידער פון בונטן געוואַנט.

די בערג אין פאַרנאַכטיקן נעפּל
דערציילן דאָ מעשיות אָן צאָל.
אין הויז ברענט עלעקטרישע לעמפּל,
און שטיל נידערט נאַכט אין דעם טאָל.

.5

אָ, לאַנד מיינס, פון שפע און פרייד!
איך האָב דיך געזען אין דיין פולן צעשפּרייט.
ברייט איז צעעפנט דיין מעכטיקע ברוסט,
עס אָטעמט דיין מענטש מיט לעבן און לוסט;
דיין אימפּעט, דיין גבורה, ער טראָגט אין די הענט —
אָ, מאַמע געטרייע, איך האָב דיך דערקענט!

כ׳פאַל צו צו דיין ערד און כ׳הער, ווי זי זינגט.
אויף הונדערט לשונות דיין שטים צו מיר קלינגט.
עס זינגט דאָס לאַנד און איך הער זיך צו:
עס זינגט פון קאַמף, פון אַרבעט און רו;
פון שיפן אויף ימ׳ען, עראָפּלאַנען אין פלי,
פון העלדן געפאַלן אויף פעלדער פון מי.

עס זינגט דאָס לאַנד און איך זינג מיט.
איך הער דעם מאַרש... מיליאָנען טריט...
איך הער פון מאַשינען און קוימענס דעם ברום —
עס בויט זיך דאָס לאַנד פאַר גליק און פאַר רום.

עס זינגט דאָס לאַנד און איך הער אויס מיט ציטער:
„עס קומט אָן אַ שטורעם, אַ בייזער געוויטער...
פאַר לעבן און פרייהייט צו שטאַרבן זיי גרייט,
פאַר פאָלק און פאַר לאַנד און פאַר זאַרגלאָזער פרייד!"

איך הער דאָס געזאַנג און אין האַרץ אַ געבעט:
זאָל ניט ווערן פאַרשטילט, זאָל ניט ווערן פאַרשטערט
ס'געזאַנג פון מיין לאַנד,
פון מיין גרויס, שיין לאַנד!

.6

אַזוי פרידלעך דיינע פעלדער, מיין לאַנד,
אַזויפיל רו אין דיינע וועלדער,
אַזאַ פּראַכט אין דיינע בערג און טאָלן,
אַז ס'קאָן זיך נישט מאָלן —
ערגעץ־וואו ברענט מען מיט אייגענע הענט
פּראַצע צעבליטע פון שווייס און פון מי —
צייטיקע קערנער, דאָס זעט פון אַ לאַנד,
פאַרוואַנדלט אין אַש פאַרן שונא'ס פּיס...

ס'קאָן זיך נישט מאָלן:
אַ פאַר'שרפה'טע ערד...
הימל צעריסן... ווי צעיושעטע פערד,
מאָרד און פאַרוויסטונג מיט שווערדן אַנטבלויזט
אין אָרגיע־געווירבל פון פייער און טויט...

7.

אַזױפֿיל ליבשאַפֿט אין מײַן האָרץ, מײַן לאַנד,
אַזאַ צער פֿאַר אומזיסטע יסורים,
אַזאַ האַס קעגן בײזער ממשלה,
אַז ס׳רײַסט זיך אַ קללה
אויף די קעפּ װאָס פֿאַרפֿינצטערן העלקײט פֿון טאָג,
פֿאַרװאַנדלען פֿאַרבן אַלע אין פֿײַער און רויך,
פֿאַרװאַנדלען קלאַנגען אַלע אין יאָמער און קלאָג, —
פֿאַרפּעסטן די לופֿט, פֿאַר׳סמ׳ען דעם מוח!

עס רײַסט זיך אַ קללה!
עס בײלט זיך אַ פֿויסט, עס הײבט זיך די האַנט:
איך שווער! מיט מוטיקן װאָרט, מיט ליד, מיט געװער
באַשיצן דײַן פֿרײַהײט, דײַן שײנקײט, מײַן לאַנד,
געװינען דעם קאַמף פֿאַר מענטשלעכער װערט,
באַפֿרײַען די פֿרײד, װאָס ליגט איצט פֿאַרשטיקט,
װי זון אונטער װאָלקן, אין קלאַנג פֿון מײַן ליד —

אַ, דאַן װעט צעפֿראַלן, אַ דאַן װעט צעשאַלן
ס׳געזאַנג פֿון מײַן לאַנד, —
פֿון מײַן גרויס, שײן לאַנד!

וואוהין מיין שיף?

אין סאַן־פראַנציסקאָ האַפן, פאַר פוירל האַרבאַר.

— וואוהין מיין שיף, וואוהין אַצינד?
עס קלייבט זיך אויף אַ שטורעמווינט.
די וואַסערן פאַררעטעריש שטיל,
דער הימל פאַרנעפּלט, גרוי און קיל.

— וואוהין מיין שיף, אונטער גאָלדענער בריק?
— קיין וולאַדיוואַסטאָק — קומט ענטפער צוריק.
— וואָס פירסטו מיט זיך אויף ווייט־לאַנגן וועג?
— אַי קליידער, אַי יאָד פאַר בלוטיקע טעג...

עס שלענגלט זיך רויך, צעגייט אין דער לופט
און ס'דאַכט זיך אַ שטים פון ערגעץ־וואו רופט:
„שנעלער, אָ, שנעלער, עס ברענט דאָך די צייט!
די נויט אַזוי ביטער, דער וועג אַזוי ווייט!"

אָ, פלי מיין שיף, פלי שוין געשווינד!
עס וואַרטן אויף דיר דאָרט מאַמע און קינד.
מיין ברכה נעם מיט, נעם מיט מיין סאַלוט
פאַר העלדן געהייליקט אין אַרבעטער־בלוט.

געלאָסן און זיכער ס'גליטשט זיך די שיף.
זי שניידט אין דער ברייט, זי שניידט אין דער טיף.
עס זעט זיך אַ פינטל שוין קוים אין דער ווייט —
אַ שיף, מיין שיף, קום אָן בשלום — אין צייט!

דאָס פאָלק האָט צו גרויסקייט אים דערהויבן

בײַם וואַשינגטאָן מאָנומענט, וואַשינגטאָן, די. סי.

אַזאַ הויכער, גלאַטער טורעם
שניידט מיט שפּיץ זיך אין די הימלען!
ווי אַ פעלז אַנטקעגן שטורעם,
קוקט אויף כוואַליעס, ווי זיי טומלען, —
אַזוי שטרעקט זיך פעסט דער טורעם,
אין דער הויפּט־שטאָט פון די שטאַטן.
צו אים זיך ציען אַלע וועגן —
זיי קומען דאָ זיך צו בּאַראַטן —
ער גייט זיי אומעטום אַנטקעגן,
ווי צו קינדער ס'גייט אַ טאַטע.

נישט פון גאווה זיין געבוי,
נישט פון קאַלטע, פרעמדע שטיינער:
דעלעווער טייך און וואַלי פאָרדזש —
עדות פון אַ קראַפט, אַ ריינער,
פון אַ פלאַם, וואָס נערט די וועלט;
אָנגעקליידט אין פלייש און ביינער,
שרעקט זיי נישט קיין הונגער, קעלט,
נישט דער פּיין און נישט דער טויט —
פון זייער מוט איז ער געבויט!

און זייער בּלוט דורך אַלע דורות
ברענט, ווי פלאַם, און שמעלצט צונויף
ווייטע צייטן, אַלטע תורות
מיט דעם נייעם, גרויסן חוב,
מיט דעם נייעם קאַמף פאַר פרייהייט,

וואָס ווערט מיט בלוט אויפסניי געקויפט.
ס׳שטייט דער טורעם, ווי אַ וועכטער,
היט די פאָלקס־ירושה טריי
פאַר די יונגע זין און טעכטער,
פאַר אַ צוקונפט העל און פריי.

...האָט ס׳פאָלק אַ דענקמאָל אים געשטעלט
גערופן פאָטער פון דעם לאַנד...
ווייל פעלזן־פעסט, ווי ריזן־טורעם,
געווען זיין האַרץ, געווען זיין האַנט
אין די טעג פון וויי און שטורעם,
ביים געבורט פון אונדזער לאַנד...
און ווייל ער האָט פאַרזייט דעם גלויבן
אינ׳ם כח פון דעם פרייען מענטש —
האָט ס׳פאָלק צו גרויסקייט אים דערהויבן,
מיט אים געגרויסט זיך און געבענטשט...

שטרעקט זיך טורעם מעכטיק, שטאָלץ,
וויל מיט שפּיץ די וואָלקנס גרייכן! —
אינ׳ם מאַרש פאַר פרייהייט גייט דאָס פאָלק,
דורך בלוט און פּיין צו וויטע הייכן.

אומבאַקאַנטער סאָלדאַט

צום מעמאָריאַל טאָג

אומבאַקאַנטער, אומבאַזונגענער סאָלדאַט —
צו דיר אַלע וועגן פון דעם לאַנד היינט פירן.
צעאַקערט איז די ערד פון באָמבער און האַרמאַט,
מיט וואָס קאָנען מיר דיין קבר היינט באַצירן?

ווער ביסטו? פונוואַנען?
ווער האָט צו קבורה דיך געבראַכט?
צי קומסטו פון פעלדער ברייטע, גרינע לאַנען,
צי גאָר פון טונקעלער, טיפער מינען־שאַכט?

האָט אַ מאַמע ערגעץ יאָרנלאַנג
דיין לידיק בעט פאַר דיר געהיט?
און אַ כלה, פון בענקשאַפט קראַנק,
געוואַרט, געהאַרט — אין צער פאַרבליט?

דו ביסט אַ זון פון אַלע מאַמעס.
פון אַלע ראַסן ציט דיין שטאַם.
פאַר דיין קבר שטייען דורות,
עס שטייט דאָס לאַנד פון ים צו ים.

ווידער פלאַקערט בראַנדיק פייער,
אויף וועלט־מזבח ברענט דער קרבן.
דאָס פאָלק געדענקט דיך, זון געטרייער,
ווי וואָלסט אויפסניי פאַר לאַנד געשטאָרבן...

וויינט דאָס האַרץ ביי קבר דיינעם, גרינעם,
אויף לעבן פרי־פאַרשניטן און צעריסן...
מיר שווערן: קאַמף איצטיקן אַזוי געווינען,
אַז מער זאָל שוין דיין בלוט אויף פעלדער זיך נישט גיסן!

אינוואַזיע

1.

אַ, ציטערדיקע נאַכט! אַ, פּרעכטיקער באַגינען!
פון אַלע טייכן אונדזערע, שטראָמען קרעפּטיקע
אין ים אַריין רינען,
די לייבלעכע זין אויף כוואַליעס צו טראָגן
צו פראַנקרייכס פאַרפאַנצערטן ברעג.
אונדזער האָפנונג וויגט זיך אויף צעשטורעמטן וועג
און פלאַטערט, ווי די פאָן אויפן מאַסט...
לאַנג־געגאַרטער טאָג, קומסט אָן מיט רויש,
מיט ציטערניש, מיט האַסט!

געפּאַנצערטע שיפן
שניידן דעם נעפּל פון דעם גרויען פאַרטאָג —
טויזנטער, טויזנטער שיפן...
און ביי יעדערן רודער
שטייט מיינער אַ ברודער —
קירעוועט דורך טויט־געלאַדענע טיפן...

בליציקע, שטאָלענע פייגל־באַנען
שליידערן פון די הימלען
די ערשטע פאַסן רויט;
פון באָמבער־עראָפּלאַנען
פאַלן פלאַמען —
טויט.

די נעפּלדיקע ברעגן
צעצינדן זיך ווי שייטערס,
צעהודזשען זיך, ווי זעגן.
איבער שרעק־געשמידטע וועגן
צעטראָגט זיך פרייד, צעיאָגט זיך דוף:
„שטייט אויף! שטייט אויף!
עס זעצט שוין בלוט און אייטער
פון איראָפּע׳ס לייב־געשוויר —

באַלד עפנט זיך, באַלד פּראַלט שוין אויף
די תּפיסה־טיר!
הערט! דאָס האַמערן די העלדן
מיט מעכטיק־פעסטן זעץ!
זיי לויפן דאָרט און פאַלן
און ברעכן דורך די נעץ!״

אָ, וויפיל, וויפיל פאַלן
אויף פראַנקרייכס פעלדער דאָ?
מיר ווייסן ניט, מיר ציילן ניט,
אין לאַנגער, שווערער שעה...

.2

אָ, הייסער פייער־שטורעם! אָ, דונער פון האַרמאַט!
איר הילכט אַפּ הויך אין היימען,
אין יעדן ווינקעלע פון שטאַט.
עס הענגט דער אָטעם פון דעם לאַנד
אויף ראַדיאָ־אַפּאַראַט.

אין שפּעטע, פיבערדיקע שעה׳ן
שעפּטשען ליפּן תּפילות
מיט געבראָכענעם געמיט;
בראַזג פון שלאַכטפעלדער ווייטע
ברויזט־אויף די נאַכט, די שטילע,
און דרינגט דורך יעדן גליד.

.3

אָ, ליבע קינדער אונדזערע! אָ, ליכטיקע זין!
אין אייך אונדזער בלוט, אונדזער טרוים,
אונדזער גערעכטער יום־הדין.
דער וועג איז לאַנג און האַרט,
אונדזער צאַפּלדיק האַרץ
שלאָגט אין אייערע טריט.
אין בלוט און אין ווייען
מיר גייען און גייען,
מיט אייך מיר שפּאַנען מיט.

נײַ־יאָר — 1945

נײַ־יאָר קומט הײַ־יאָר נישט אויף די פליגלען פון ווינט.
ער איז נישט קיין צאַרט, ראָזעווע קינד.
נישט אין שוים פון שאַמפּאַניער, אין בראַזג פון אָרקעסטער,
נישט אין שטיפערישן טומל פון ברידער און שוועסטער —

ער קומט אָן מיט בליצן, מיט דונער און שטורעם:
עס טרייסלט זיך ערד און ענדערט איר פורעם...
עס ברויזן די ים׳ען, שלינגען איין בערג,
עס קראַכן די הימלען איבער דער ערד.

ער קומט אָן מיט פייער אויף שטאָלענע פליגל,
אויף רעדער פון טאַנקען, אונטער בלאָזן פון „ביוגל״;
אין קראַפט פון מאָטאָרן, אויף קאָנווייער־פּאַסן,
ער טראָגט זיך מיט אימפּעט איבער פעלדער און גאַסן —

זיין ציל איז: באַפרייאונג; זיין נאָמען איז: „זיג״,
ער טראָגט זיך פאַרענדיקן ביטערן קריג.

דער צאָרן איז צייטיק

(צו די פעלקער אונטער נאַצי הערשאַפט)

קלייבט־אויף, ווי זאַנגען, די קערנער פון צאָרן,
דערנידעריקטע, צעפייניקטע ברידער!
שטעכיק און שפּיציק, ווי גיפטיקער דאָרן,
וועט אויפגיין דער פלאַנץ פון באַדריקער...

זאַמלט איין טראָפּן נאָך טראָפּן דעם סם,
וואָס טריפט פון האַרץ און נשמה, —
וועט פון יעדערן טראָפּן אויפגיין אַ פלאַם
אין טאָג פון זיג און נקמה!

ס'ציען שוין מחנות דורך לענדער און ים'ען,
ס'צייטיקט שוין צאָרן אין געהויבענער פויסט!
ווי צו באַדריקער, ווען ס'ברעכן זיך צאַמען,
ווען דער משפט פון פעלקער איז: טויט!

...ס'ציען חילות... ווי רויטע שטורקאַצן,
צעפלאַקערט אין נאַכט זיך די שלאַכט...
גייט זיי אַנטקעגן מיט פויקן און טאַצן!
רייסט־אויף שונא'ס שויץ — שונא'ס וואַך!

היט איין די טרערן פון מאַמעס אויף קברים,
פון קדושים — די ליבשאַפט צום לעבן...
דער צאָרן איז צייטיק. שטייט אויף, ווי גבורים!
די שעה האָט געשלאָגן דעם טויט־קלאַפּ צו געבן!

אַ געבעט

אָ, גיב מיר אַן אויג, אַ שאַרף אַדלער־אויג,
צו דערקענען דעם שונא פון ווייט;
און ציל־אַן מיין טראַט דורכ'ן בלוטיקן וועג
פאַר דער נייער, שטראַליקער צייט...

גיב מיר אַ רוקן, אַ ברייט־פעסטן רוקן
צו טראָגן די משא פון קריג;
און הענט גיב מיר פלינקע, אַ מוח, אַ שטאַרקן,
אויף ברענגען וואָס־שנעלער דעם זיג.

אָ, גיב מיר אַ וואָרט, דאָס לויטערע וואָרט,
צו טרייסטן און שטאַרקן מיינע ברידער;
און שפרייט מיינע פליגל, די לופטיקע, דאָרט,
וואו עס בויט זיך אַ לעבן שוין ווידער...

נאָר פריער פון אַלץ, גיב מיר אַ האַרץ
אַזוי גרויס, ווי דער מענטשלעכער פּיין!
וועל איך פון דעם פייער אַרויסקומען גאַנץ,
ריין און געלייטערט פאַרן ליכטיקן זיין...

סאַמוראַי

מיר האָסן נישט דיין הויט און נישט דיין קרומען בליק.
מיר האָסן דיין חניפה, דיינע פאַלשע שטיק.

דו שטשירעסט לאַנגע ציין און שמייכלסט ווי אַ זונה,
פון הינטן דו באַפאַלסט — דו ביסט אַ כיטרער שונא.

דו האָסט דיין אייגן פאָלק אין בלוט און שוויס פאַרזונקען,
דו מערדער־פעאָדאַל, מיט מאַכט און לוסט באַטרונקען.

אין בלויען ים געפּאַסט די אינזלען פון האַוואַי,
זיי וועלן זען דיין סוף, דיין אומקום, סאַמוראַי.

די זון גייט אויף אַ רויטע, ווי בלוט פון איר וואָלט גיסן,
זי שפּיגלט אָפּ דיין פּנים — דיין מאַסקע איז צעריסן.

עס נעמען הימלען שטורמען, דיין ערד ווערט אויפגעריסן,
אויף פליגל־עראָפּלאַנען עס הענגט דער וועלט־געוויסן.

פון אַלע ים׳ען ס׳יאָגן שיפן קעגן ווינטן,
עס פאַלן דיינע שטערן, לעשן זיך און שווינדן...

עס זינגען אַלע וועלטן, עס זינגט די ערד דאָ שירה,
דיין סוף איז שוין געקומען — באַגיי דעם „האַרי קירי״...

שעדליץ — מיין שטאָט

צו איר באַפרייאונג.

דריי מאָל דיין נאָמען אין די נייעס באַגעגנט,
האָט דריי מאָל מיין האַרץ מיט בלוט זיך באַגאָסן.
אַזויפיל שוין יאָרן, ווי מיר זיינען געזעגנט,
אַזויפיל שוין טרערן, ווי טייכן פאַרפלאָסן,

און אַלץ נאָך ווערט צאַרטקייט אין דיינע גאַסן צעוואונדיקט,
אין דיינע הויפן גסיסה־קרעכץ, ווי וואָלקן זיך שפרייט,
אַ טרייסט בלויז: אין קעלערס ברענט פלאַם קליינער שטענדיק,
הענט אָדערדיק־שטאַרקע צום קאַמף זיינען גרייט.

פאָגראָם־שרעק איך האָב מיט דיין מילך איינגעזויגן.
מיין וויגל געוויגט זיך צווישן שחיטה און שחיטה.
וואו נאָך געזען האָבן קינדערשע אויגן
אין זון־אויפגאַנג ציען זיך מיטה נאָך מיטה?

די צוקונפט געווען איז אין שרעקן געשלייערט, —
כ׳געדענק די שפּאַצירן אויף וואַרשעווער גאַס —
חברים, שוין גרויסע, אין הילפלאָזן טרויער,
אין ביכער געשטיקט דעם ווייטיק און האַס.

„פאַרלוירענער דור“ — איז געווען אונדזער נאָמען.
(צו יונג אונדזער לייב איז געווען דאַן פאַר קריג...)
אָ, שעדליץ, מיין שטאָט, פון אומרו דעם זאָמען,
פאַרפלאַנצט האָסטו פרי אין מיין קינדערשן בליק!

כ׳געדענק די פרישע, מאַיאָווע באַגינענס,
די שבת־פאַרנאַכטן אין שטאָטישן פאַרק:
חלומות געַ׳חלומ׳ט די וועלט צו געווינען,
די וועלט ווייט פון מיר — אויף יענער זייט באַרג...

איך בין אַוועק. געפּרוואווט דיך פאַרגעסן,
ווי אַ ליבע־קאַשמאַר, וואָס פּייניקט און דריקט;
נאָר אַזויפיל פון מיר ביי דיר איז געזעסן,
געוויינט אויף דיין בלינדקייט, דיין אומגליק, וואָס שטיקט...

...פּעטערס און מומעס, קוזינס און פריינט,
חבר׳טעס ליבע, — וואו זענט איר אַצינד?
געפאַלן אין ערשטער באָמבאַרדע פון פיינט,
צי פאַרפּייניקט געוואָרן? — אוי, ווי מיר און ווינד!

און אפשר איז איינער אַנטרונען אין וואַלד,
רוט אונטער דעם בוים, וואו כ׳האָב מיין נאָמען פאַרקריצט?
אין שקיעה וועט גליען מיין קינדערישע האַנט,
אים גלעטן דעם קאָפּ, וואָס מיט בלוט איז פאַרשפּריצט...

אַזויפיל שוין יאָרן, ווי לעבסט אין זכרון,
נאָר היינט האָט מיין האַרץ דיך אַ נייע דערקענט;
דורך רויכן און פלאַמען, אַריבער די ימ׳ען,
דערזען כ׳האָב פון קעלערס די פאַרשטשעמעטע הענט.

כ׳האָב ווידער דיך דריי מאָל אין די נייעס געפונען,
האָט זיך דריי מאָל אַ ריר געטאָן מיין האַרץ פונ׳ם אָרט:
ס׳איז רויטע אַרמיי און באַפרייאונג געקומען
אויך צו מיין וויגל... צו שעדליץ, מיין שטאָט!

אונטערגרונט

אין קעלערס און אויף בוידימער,
אין רייכער, שיינער היים,
די פענצטער דיק פֿאַרהאַנגען,
פֿינצטער . . . שטיל . . . געהיים.

אין פֿעלזן־בערג און היילן,
אויף ברייטער הויפּטשטאָט גאַס,
זיי ציילן שעה׳ן, ציילן,
און האָדעווען דעם האַס.

דער דייטש האָט אויסגעזויגן
דעם זאַפֿט פֿון זייער לאַנד.
ער זוכט מי׳ט טויזנט אויגן
נקמה׳דיקע האַנט.

אין לאַגערן און תּפֿיסות,
אין דאָרף, אין הויז פֿון תּפֿילה,
עס לויערן טויזנט מיתות
אויף אים פֿון ווינקלען שטילע.

פֿון הינטער באַנען־רעלסן,
ביי שרויפֿן פֿון מאָטאָרן,
אַ האַנט אין טיפֿן וויסן
פֿירט אויס געבאָט פֿון צאָרן.

אין וועלדער גרין־געדיכטע,
אין געשעפּטלעכער קאַנטאָר —
זיי באַפֿרוכפּערן געשיכטע
מיט בלוטיק־הייסער וואָר.

די שריפט

ביי דער לויה פון די געפאַלענע קעמפער אין אַטען,
גריכנלאַנד, איז די אויפשריפט אויף דער פאָן געווען
געשריבן מיטן בלוט פון די קרבנות.

— פון די צייטונגען.

זיי קניען אויף גאַסן אין טרויער, אין שטומען, —
איך האָב זייער צער, ווי אַ שוועסטער פאַרנומען.

פון ליידן און פיין דער רוישלאָזער קלאַנג
איז מיר שוין פון טויזנטער יאָרן באַקאַנט.

צו אייביקער רו די קעמפער באַגלייטן —
עס ציט אַ לויה אָן מוזיק, אָן קווייטן.

נאָר העכער פון מוזיק איז ציטער פון האַרץ...
ס׳געוויין, דאָס פאַרשטיקטע, וויברירט, ווי אַ האַרף...

און בונטער פון בלומען איז אויפשריפט אויף פאָן:
דאָס בלוט פון קרבנות, עס פלאַמט אויבנאָן.

עס רופט און עס מאָנט, עס הייליקט דעם מוט —
קיין שפּראַך איז נישט פרעמד מיר, ווען געשריבן מיט בלוט...

אין אומגלייכע קאַמפן באַדריקער אַנטקעגן —
אויף אַלע לשונות איר קלאַנג איז מיר אייגן.

דאָס ליד פון באַפרייאונג, עס זינגט דורך יסורים,
עס שמידט אויס, עס שטאָלט אויס אַ דור פון גבורים.

וואָס טיפער דער טרויער, אַלץ פעסטער די האַנט:
אויף בלוטיקער פאָן פלאַקערט שריפט, ווי אויף וואַנט.

4

מערב־צו!

טאַנקען, טאַנקען, טאַנק־קאַראַוואַנען.
ס׳רעדלען זיך רעדער — מאָנסטער־געשפּאַנען.
ברום פון מאָטאָרן, ווי רעווע פון לייב,
עס הייבן זיך, דרייען זיך זיילן פון שטויב;
לייגן זיךביימער אויף וואַלדיקע וועגן,
בערג ציען זיך אויס די אַרמייער אַנטקעגן;
פון אויבן — שטאָלענע בליץ־עראָפּלאַנען
באַגלייטן געטריי די טאַנק־קאַראַוואַנען.

שטאָלענע פייגל מיט מענטשלעכן אָטעם,
ווי אַ כמאַרע צעשפּרייט, די זון פאַרשאָטנט.
רויטער שטערן — קאָמפּאַס און ווייזער:
מערב־צו! איבער חרוב׳ע הייזער!

מערב־צו! — קלינגען קאַנאָנען, האַרמאַטן.
מערב־צו! — זינגען רויט־אַרמייער סאָלדאַטן;
מערב־צו! — שניידן באַגנעץ אַלץ ווייטער,
מערב־צו! — גאַלאָפּירן העלדישע רייטער.

ס׳וואַרטן די פעלקער מיט אָטעם פאַרטאַיעט —
הונדערטער, טויזנטער שטעט שוין באַפרייט!
נישט שטעט און נישט דערפער, נאָר ס׳בלוט פון דעם האַרץ,
אַ ליכט צעצונדן, דעם חושך צעשפּאַרט;
די ליבשאַפט צעטראָגן, פאַרטריבן דעם האַס,
צעעפנט די ריגלען פון שטוב און פון גאַס...

עס וואַרטן די קברים, די הייליקע טויטע —
פאַר לעבנס פאַרפייניקטע ס׳שטראָפן די רויטע...
פאַר זקנים און מוטערס און קלייניקע קינדער,
פאַר מענטשלעכער הויט אין האַנט פון דעם שינדער.

מערב־צו! מערב־צו! — שלאָגן די הערצער.
דער וועג ווערט אַלץ נענטער, דער וועג ווערט אַלץ קירצער.
עס רעדלען די רעדער, עס פליען די פערד —
עס טראָגט זיך באַפרייאונג אויף בלוטיקער ערד.

פלייץ, דניעפער, פלייץ

נאָכ'ן אויפרייס פון דניעפּראָגעס.

פלייץ, דניעפער, פלייץ!
פלייץ און פאַרפלייץ, פאַרטרינק און פאַרלענד
דאָס אַלדאָס בייז וואָס האָט מיט גזלנ'ישן בלענד
זיך צעגאָסן אויף דיינע ברעגן!
גיי עס אַנטקעגן!
מיט רעש און מיט ברום
פון טויזנטער הערצער וואָס זיינען שוין שטום,
זייער בלוט אָבער שרייט פון אונטער דער ערד:
„נעם שליף זיך אַ שפּיז, נעם שליף זיך אַ שווערד!
נעם לעכער מיט זיי דאָס האַרץ פון דעם פיינט,
שוין נישט זיין שותף און שוין נישט זיין פריינט!"

פלייץ, דניעפער, פלייץ!
מעכטיקע וואַסערן, באַפרייטע פון צאַם,
שווענקט אָפּ דאָס בייז מיט וואָרצל און שטאַם!
העלפט מיינע ברידער, די העלדישע זין.
זיי האָבן מיט ליבשאַפט געגעבן אַ זין
צו אייער אייביקן פליסן און אייביקן גאַנג,
באַהויכט אייער שיינקייט מיט נייעם געזאַנג,
דאָס געזאַנג האָט צעטראָגן אַן אַנזאָג דער וועלט
פון פרייהייט און שפע — אויס הונגער און קעלט!

פלייך, דניעפּער, פלייך!
פלייך און פאַרפלייך, פאַרטרינק און פאַרניכט
דעם שונא וואָס וויל פאַרלעשן דאָס ליכט
אויף דיינע פּראַכטפולע ברעגן!
שטראָם אים אַנטקעגן!
מיט האַסט און מיט קראַפט
פון טויזנטער קערפּערס געהאַמערט אין שלאַכט,
פון טויזנטער הענט אין פויסטן געביילט,
מיט ליפּן פאַרשטשעמעט, גרייט אויפן טויט.
פאַר לעבן און ליבע, פאַר שיינקייט און רו,
זיי גייען אין פייער — פלייך־מיט אויך דו!

פלייך, דניעפּער, פלייך!
ס'איז דיר באַשערט
זיין מיט אונדז,
די גערעכטע פון דער ערד.
און ווען קומען וועט טאָג פון נצחון און פרייד,
(ס'וועלן טאַנצן פון גליק קינד און קייט...)
וועט דיין נאָמען, דניעפּער, בלייבן אין ליד,
און דערציילן וועט מען קינדער אין וויג,
ווי דיינע וואַסערן האָבן געשלאָסן אַ בונד
קעגן ביטערסטן שונא — דעם נאַצישן הונט...

פלייך, דניעפּער, פלייך!

עך, פּאַרטיזאַנען!

העי, נאַכט, דו שוואַרצע, שטילע, שאַטנלאָזע נאַכט!
איך גיב פאַר דיר די טעג, ווען כ׳ליג אין גרוב און טראַכט,
פאַרטאַיעט, ווי אַ חיה, אָנגעצויגן, וואַך —
עך, דו שוואַרצע נאַכט!
דו שיצסט אונדז אין דער שלאַכט!

העי, וועלדער ווילדע, וואַלדיקע געפלעכטן!
איך גיב פאַר איך מיין ליבע היים פון נעכטן,
מיין היים פון פרייד, פון זוניקן געלעכטער —
עך, איר וואַלד געפלעכטן,
אין אונדזער קאַמף געזעכטן!

העי, שטעגן זייטיקע, העי, שמאָלע שטעגן!
איך גיב פאַר איך שאָסייען, ברייטע וועגן,
איר שלענגלט זיך פאַרבאָרגן פון דעם שונא׳ס אויגן —
עך, איר שמאָלע שטעגן,
איר זענט אַ פאַרמעגן!

העי, שער און זעג און האַק, העי, ביקס און האַנט־גראַנאַט!
איך גיב פאַר איך אַוועק דאָס בילד פון קינד און ווייב,
וואָס וואַרעמט שטיל מיין ברוסט און שטראַלט
דורך דעם כאַלאַט —
עך, דו האַנט־גראַנאַט!
דו פריינט פון דעם סאָלדאַט!

העי, ברידער מיינע, בראַווע פאַרטיזאַנען!
מיר שניידן דראָטן, ברענען דייטשע באַנען,
דורך נעכט פאַרבאָרגענע שפּאַנען מיר און שפּאַנען —
עך, פאַרטיזאַנען!
וואו גייען מיר פון דאַנען?

וויכער, געוויטער, ווער אַ געוועער
אין דער שלאַכט פאַר מאָסקווע

וויכער, געוויטער, וואָלפיש געוואַי!
ווי אויף די וועגן מיט אייז און מיט שניי!
ווי אויף די וועגן פון נאַצי־אַרמיי!

וויכער, געוויטער, ווער אַ געוועער!
ווי שאַרפער, שפּיציקער שאַרף פון אַ שווערד —
צעפּאַכע די שפּיזן
פון בראַנדיקע ריזן!

ווינטן פון צפון, צערייסט און צעלייגט
די נאַצישע שדים, דעם שטן אַליין!
מיט אייזיקן אָטעם באַגראָבט זיין געביין!

ווינטן פון צפון, טרייבט זיי צוריק!
אָן אָפּשטעל, אָן אָפּרו, טרייבט זיי און שטיקט!
אין ווינטיקער לופט
פאַרטויבט זייער רוף!

שנייאיקער שטורעם, ברויזיקער זאַווי!
שמייס זיי אין פּנים דעם שטעכיקן שפּריי!
אין ראָד פון נקמה דריי זיי און דריי!

שנייאיקער שטורעם, דעק זיי איין וויס!
גראָב זיי דיין קבר פון קעלט און פון אייז!
אין שנייאיקן ווירוואַר
צעוואָלגער זיי שטאַר!

וויכער, געוויטער, וואָלפיש געוואַי!
ווי אויף די וועגן מיט אייז און מיט שניי!
העלף־מיט דעם זיג פון דער רויטער אַרמיי!

דער דאָן איז רויט פון בלוט

דער שטילער דאָן איז שטיל נישט מער.
עס רינט אויף מיין געזיכט אַ טרער.
איך זע דעם דאָן אין יענע טעג,
ווען כ׳בין געשטאַנען ביי זיין ברעג;
איך הער דעם שטילן טייך־געזאַנג,
עס גלעט און גיסט זיך אַלץ דער קלאַנג.
כ׳זע כוואַליע־ציטער סאַמעט־ווייך,
איך שמעק דעם פרישן, קילן ריח;
פון פיש איך הער דעם שטילן שאָרך,
פון שווימער־טויכער דעם פליוך, פליוך...
דעם פליעסק פון וועסלעס אויפן פלאַך,
אַ יונג געלעכטער אין דער נאַכט;
אַ שטילן שעפּטש, אַ קוש, אַ וואָרט,
דעם שפּרונג פון פראָש פון אָרט צו אָרט.

אָ, דאָן!
וואו שפּיגלט זיך אַצינד דער הימל,
ווי קאָן דיין פּנים לויטער זיין,
אַז שוואַרצע טומאה אויף די ברעגן
רויבט דיין ליכט און שיין?
וואו שטרעקן ווייסע וואַסער־ליליען
די צאַרטע קעפּלעך אויס,
ווען פייער־האַגל שניידט און ברית
דיין ווייכן וואַסער־שויס?
וואו וואַשט לבנה יעדן אָוונט
איר זילבערנע, ליכטיקע צורה,
אַז בלאָטיק פון בלוט איז דיין וואַסער —
פאַרוואַלגערט מיט נאַצישער פגירה?

ניין, כ׳וועל נישט באַוויינען, כ׳וועל נישט באַקלאָגן —
כ׳ווייס: ס׳וועלן אויפגיין שטילע פאַרטאָגן;
כ׳ווייס: ס׳וועלן אָפּוואַשן שטראָמען דאָס בלוט
און אַ ליכטיקע זון אין העל־רויטן גלוט
וועט באַשפּרינקלען די כוואַליעס מיט פּערלדיקער פרייד;
און אויף סטעפּעס גרינע, ווייט און ברייט,
וועלן קינדערשע קול׳כלעך אין אַ ליד פון אַמאָל
באַזינגען דעם העלדישן קאַמף דאָ אין טאָל.
און ריטמיש וועט פליסן דאָס ווייטע געזאַנג
מיט שטילן פּליעסק פון כוואַליעס פון דאָן אין זיין גאַנג.

זיי וועלן זיך אומקערן

א בילד פון א סאוועטיש דארף אין עוואקואציע.

באפעל איז געקומען מיט שעה׳ן צוריק:
„פארברענען די תבואה און — איבערן בריק!״
נאר פויערים ווארטן, זיי ציען די שעה׳ן —
אויף דעכער עס פליען שוין ראבן און קראען...

באפעל איז געקומען אינמיטן דער נאכט,
נאר ס׳האבן אין דארף שוין אלע געוואכט.
עס גייען אן שלאכטן שוין וואכן נאכאנאנד,
ס׳ליגט יעדערער צו זיין אקסל און האנט.

עס ציטערט די ערד פון הארמאטן־געקנאל,
עס הירזשען די פערד, קי מעקען אין שטאל.
איין וועג איז נאך אפן. ס׳גייט די רויטע ארמיי:
„אויף וואס ווארט איר נאך, ברידער? שנעלער אין ריי!״

ארויסגעפירט טראקטארס, קאמבאין און די פי;
די קראנקע, די שוואכע, די קינדער אין וויג.
און איצט, פאר דעם לעצטן, הערהאישן שריט —
נישט ציטער, א האנט, ווען שוועבעלע גליט!

עס ברענט שוין דער שייער, עס ברענט שוין די כאטע,
א בליק נאך — די שטוב האט געבויט דאך דער טאטע...
נאר וואו איז גאר וואסקא אינמיטן אוועק?
דער יונג ווערט פארפאלן פאר נעכט און פאר טעג.

„זיי געזונט, טאטע, כ׳קאן מיט אייך נישט גיין...
זיי געזונט, מאמע, נישט שרעק זיך, נישט וויין.
כ׳בלייב דא פון הינטן, דא היטן די ערד,
דער שונא וועט פילן מיין האס און מיין שווערד...

כ׳בלייב דאָ מיט יאַשקען, מיט וואַנקען, מיט מאַריאַן,
מיר האָבן אַ פירער — די שלאָגלערין דאַריאַ.
דאָ האָבן מיר עסן און דאָ — די פּאַטראָנען,
זעט, קערט זיך אום שנעלער מיט אונדזערע פּאָנען!״

דער הימל איז רויט. צונגען פון פייער
לעקן די ווענט פון דער שטוב, פון דעם שייער.
אַוועק מיטן רויך זייער פּראַצע און מי —
די ערד דאָ וועט ברענען דעם שונא די טריט...

עס ציען די פּויערים צופוס און אויף פורן,
זיי נעמען מיט זיך מיט פּאַר׳עקשנ׳טע גבורה;
זיי נעמען מיט זיך די ליבשאַפט פון יאָרן
פאַר ערד און פאַר זון — פאַר ווייץ און פאַר קאָרן.

ס׳איז ליב זיי דער וועג דאָ, ס׳איז ליב יעדער שטיין,
זיי פלעגן אין אָוונט שפּאַצירן דאָ גיין.
אָט איז שוין דער טייך און אָט איז דער בריק —
זיי וועלן זיך אומקערן, זיי׳ן קומען צוריק!

עס שאַריעט אויף טאָג. אויף חורבות פון אַש,
עס קומען אָן דייטשן מיט טומל, מיט רעש.
זיי קריצן די ציין און דראָען מיט די הענט:
„רוסן פאַרפלוכטע! שוין ווידער פאַרברענט!״

עס טליען נאָך פונקען אין פייער פון נאַכט.
אָט סטאַרטשעט אַ קוימען, עס דאַכט זיך ער לאַכט...
דער ווינט ברענגט אָן אָפּקלאַנג פון אַ מעכטיק געזאַנג:
„מיר׳ן קומען צוריק! ס׳וועט נעמען נישט לאַנג!״

אויף באַפרייאונג־מאַרשרוט

ווער טראָגט זיך אין ווייסן דורך שנייאיקן בלענד ?
ווי הירשן די פיס, ווי פליגל די הענט.
עס סקריפּעט דער שניי, הייבט זיך אין זיילן —
אייזיקער שליטוועג פאַר מיילן און מיילן.

ווי טאָלן און בערג, די חורבות און גריבער —
דאָ ליגן צעריסענע אַרבעטער־שטיבער.
אַ פּלי אָן אַ זייט פון פאַרשאָטענער הויז,
אַהין וואו עס רויכערט אַ יאָג זיך פאַראויס !

עס פליען שוין קוילן. אַ פאַל און אַ דריי —
עס אָטעמען, הייבן זיך פלאַכטעס מיט שניי...
נעענטער און נעענטער — אָט איז שוין דער ציל:
אַ וואָרף און אַ קראַך — מאַשין־ביקס ווערט שטיל...

עס מיניעט איצט ווייסקייט פון שנייאיקן גלי
מיט שטאָלענע שפּיזן אין בראַנדיקן ברי...
צעגליט זיך גאָר קאַלטקייט מיט בליציקן פייער —
ס'נעמען לויפן ווי ראַצן פון קעלער און שייער,
מיט וואַקלדיקע קני, מיט הענט אין דער הויך,
די נאַצי־גזלנים — אין קנוילן פון רויך.

— — — — — — —

ס'איז נישט קיין לעגענדע, קיין צויבער־מעשה פון שניי —
עס טראָגט זיך אין ווייסן אַ וואונדער־אַרמיי !
מיט לעבעדיקן אָטעם און וואַרעמען בלוט,
עס טראָגן זיך העלדן אויף באַפרייאונג־מאַרשרוט.

כ׳זע דיך, דניעפּער, אַ באַפרייטן

כ׳זע דיך, דניעפּער, אַ באַפרייטן:
ס׳אָטעמט־אויף דיין ריזיק האַרץ,
שליידערסט אָפּ די נאַצי־פּגרים —
זיי האָבן לאַנג דיין גאַנג פאַרשפּאַרט...
וואַשסט די ברעגן פון דער טומאה,
קעמסט די וועגן, גלייכסט אויס גריבער,
טרינקסט אַן רויט־אַרמייער מידע,
אַרבעטער ביים גראָבן שטיבער.

אָ, וועט מען אַ שעפּ טאָן פּעסער מיט עמערס!
קינדער וועלן מישן דאָס ליים מיט די הענט —
וועט עס אַ זון, אַזאַ גרויסע, אַ לויכט טאָן
אויף די צעשטעלטע ערשטע צוויי ווענט!

כ׳זע דיך, דניעפּער, אַ צעיאָגטן:
שיפן טרייבן, פּאַרע גייט —
פירן שפּייז פאַר העלדן־קריגער,
זריעה פאַר דער האַנט וואָס זייט;
קוילן, ביקסן פאַר באַפרייער —
ס׳איז נאָך ווייט אַלץ זייער וועג —
כוואַליעס פּליעסקען, זינגען לידער:
„פריילעכע עס קומען טעג!"

אַ, כוואַליעס וועלן צערטלען לייבלעכע שיפן,
האַרמאָשקעס און פייגל וועלן שפּילן אין טאַקט,
פיש וועלן שווימען אַרויף פון די טיפן,
באַטראַכטן די העלדן וואָס האָבן געוואָגט...

כ׳זע דיך, דניעפּער, אַ באַפרייטן,
מעכטיק שטראָמט דיין ברייטער שליאַך.
ליבער זיידעניו, פיל־געפרואווטער,
דערציילן האָבן וועסט אַ סך
פון די לאַנגע שווערע וואָכן,
ווען פאַרהאַסטע מערדער־שלאַנגען
האָבן ס׳לייב פון לאַנד געשטאָכן,
נאָר נישט פאַרשטילט די קאַמף־געזאַנגען...

אַ, האַמערס וועלן הילכן, שטאָל וועט זיך בייגן,
מאָטאָרן וועלן יאָגן מיט אימפּעט פון בוי —
דיין נאָמען וועט ווידער מיט רום זיין באַצויגן:
„דניעפּראָגעס און דניעפּראָסטראָי!״

אויף אוקראַאינער וועגן

די רויטע אַרמיי אויף אוקראַאינישע וועגן —
עס לויפן איר די שטיינער, די גראָזן אַנטקעגן.

אויף פעלדער, אין דערפער, אין שטעטלעך און שטעט —
אַוואו נאָר זי גייט, אַוואו נאָר זי טרעט,

צעגיסט זיך אַ כוואַליע, צעיאָגט זיך אַ פרייד,
צעטראָגט עס די לופט, דער ווינט וואָס ווייט,

כאַפּן עס אויף די פייגל אין וואַלד,
שפּיצט האָז אָן די אויערן — הערט, ווי עס שאַלט,

ער זעט פּאַרטיזאַנער פאַרלאָזן די גריבער —
זיי גייען אַהיים צו בויען זיך שטיבער.

אַ שלאַנג קריכט אַרויס, באַווייזט ערשט איר פּנים —
געשעמט זיך, וואָס נאַציס מ׳רופט מיט איר נאָמען...

עס איילן שוואַרצע ראָבן, יאָגן נאָך דעם פראָנט:
ניטאָ דאָ מער קיין תליות, נאָר אַ רויטער האָריזאָנט.

טויבן ווייסע וואָרקען, פליען אום אין קרייזן:
„די רויטע אַרמיי וועט זיי ר י כ ט י ק באַווייזן!"

אין שטעט און אין שטעטלעך — אויף אוקראַאינער וועגן,
עס לויפן גרויס און קליין די באַפרייער אַנטקעגן.

רוסן, אוקראַאינער, און אידן, ווי ברידער,
אַלע אינאיינעם — מיט פרייד אין די גלידער!

פאַרטיזאַנען

באַלאַדע.

ניט קיין פיש שווימען קעגן שטראָם, נישט קיין שוואַנעז —
אַנטקעגן שטראָם עס שווימען בראַווע פאַרטיזאַנען.

פיס געטרייע שניידן, קלאָפּטער לייגן הענט —
ס׳הייבן זיך און וואַרפן וואַסערדיקע ווענט.

לאָזן נישט פאָראויס, טרייבן אויף צוריק —
ס׳האָבן פאַרטיזאַנען אויפגעריסן בריק.

ס׳האָבן פאַרטיזאַנען דראָטן פלינק צעשניטן
און דעם שונא׳ס קוילן קונציק אויסגעמיטן.

אין דעם דאָרף, דעם נאָענטן, לאַנג זיך נישט געזאַמט:
די וועכטער פון משכנות אין שטילן אָפגעראַמט.

באַפרייטע און באַפרייער אין דעם טייך, דעם קאַלטן,
הינטער זיי די נאַציס — קאָן שטראָם דען זיי פאַרהאַלטן?

פאָראויס פון זיי דער ברעג, וואו ס׳וואַרטן ליבע בדידער —
ליבשאַפט פון חברים שטאַרקט די שוואַכע גלידער.

אין טונקלען וואַלד זיי גרייטן די פייניקער אַ טויט —
אָ, עס וועט דער טייך פון שונא׳ס בלוט זיין רויט!

ס׳איילן פאַרטיזאַנען. אַנטקעגן וואַסער־שטראָמען
שלאָגן בראַווע הערצער און דורשטן נאָך נקמה.

צום צוקונפט־לאַנד

(צום 27־טן יובילײ פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד)

כ׳זע דיך, לאַנד פון די סאָוועטן,
ווי מײן לאַנד אין שעה פון לײד,
טראָגן זיך מיט פאַקל רויטן
צום צוקונפט־לאַנד פון לויטער פרײד.

ווײט, אָ, ווײט, איז וועג פון וואַנדער,
בלוטיק־הײס געראַנגל הײנט —
ימ׳ען טײלן אונדז פאַנאַנדער, —
ס׳בויען בריקן הענט פון פרײנט.

אין גיגאַנטישן געראַנגל
וואַקסן ריזן איבערנאַכט:
אויסגעוואַקסן גרויס און מעכטיק
ביסט אין גרויזאַם־שווערער שלאַכט!

כ׳וויס, ס׳איז גרויסקײט אָנגעצײכנט
דיר געווען שוין בײם געבורט:
ווי מײן לאַנד האָט דראַנג צו פרײהײט
דיך מיט גבורה אָנגעגורט.

דײנע העלדן — מײנע ברידער;
דײנע וואונדן — מײן געוויין.
דײנע זיגן — מײנע לידער,
פרײדיק־פרײ, ווי שוואַלבן רײן.

נאָר ס׳איז שווערד נאָך נישט קײן אַקער:
ס׳ברויזט געפעכט פון בײז און גוט —
אויך מײן פאָלק פון פײער־פלאַקער
נעמט נקמה פאַר זײן בלוט!

ס׳שטייט מיין לאַנד אין דעם געראַנגל
און מיין פאָלק איז נישט באַזיגט!
כ׳הער פון שלאַכט די דונער־קלאַנגען,
כ׳זע דיין פאַקל — בלענדיק ליכט...

דערזע איך דיך, לאַנד פון ראַטן,
נאָך די שווערע טעג פון לייד,
ווי דו טראָגסט זיך, אַ באַפרייטע,
צום צוקונפט־לאַנד פון לויטער פרייד...

אַרומרינגלונג

קלים, קלעם! צווי שפּיצן־שטאַנגען,
פּייער־פינגער, צווי צונגען־צוואַנגען
בויגן־זיך־ציען־זיך מיט מאַגנעטישן באַגער,
זיך איינבייסן, צונויפּציען, דריקן, דריקן שווער.

נעענטער און נעענטער דעם אויסבויג דעם רונדן!
די שטאָלענע אָרעמס אין האַלב־קרייז געבונדן,
די שטאָלענע קערפּערס געקייטלט אין רינג,
געשמידט אונטער זון־ברען, אין פראָסט און אין ווינט.

טיפער און טיפער שפּאַרן זיך די קאָלאָנעס:
— „אין אָנגריף! אין אַטאַקע! צעשמעטערן נאַצי־ליניעס!״—
גלי פון האַס אין אויג, גלי פון שטאָל אין האַנט —
רונד אַרום דעם שונא — אַ פייערדיקע וואַנט.

ענגער און ענגער ציען צונויף זיך די צוואַנגען —
קלים, קלעם! — באַהאַפטן די שטאָלענע שטאַנגען!
רונד־קרייז און דריי־עק — פייערדיקער ציקל —
אַ פאַסטקע, אַ קבר — אויף דורות פאַרזיגלט!

קיין בערלין, קיין בערלין

שנעלער און שנעלער עס יאָגן אַרמייען,
טאָג איז נישט טאָג און נאַכט איז נישט נאַכט;
דורך פרעסט און דורך שנייען זיי שלינגען שאָסייען,
דורך קנאַל און דורך קראַך, קיין בערלין פירט דער שליאַך.

ברייט פלייצט די כוואַליע דערלייזנדיק פייער,
זי ברענט אויס און שווענקט אָפּ די האָרדעס פון מאָרד —
פרייסישן יונקער און נאַצישע חיה
זי שליידערט אין פלאַמיקע אָפּגרונטן דאָרט.

— קיין בערלין! קיין בערלין! — דעם טרוים האָט געכאָוועט
דורך יאָרן פון שלאַכטן די רויטע אַרמיי,
ווען נאַצישער שטיוול מיט נעגל באַקאָוועט,
געברענט האָט די שטיינער פון גאַס און שאָסיי.

יאָגן אַרמייער דורך פייער און שטורעם,
דאָס לעבן, ווי פאָן, פלאַטערט פאָראויס...
עס גייען מיט לייבלעכע קרובים פון קברים,
עס גייט מיט די אייגענע חרוב׳ע הויז...

זיי לויפן שוין, לויפן, די מערדער פון קינדער,
זיי וויינען שוין, וויינען איבער קעלטן און שניי.
עס ברענען די פלאַמען און צינדן די צינדער —
קיין בערלין! — איז געבאָט פון רויטער אַרמיי.

קיין בערלין! קיין בערלין! — מוזיק לאַג־געגאַרטע...
פון ראַדיאָ פלייצט פרייד — ציילט שעה׳ן, ציילט מיילן —
נאָר ס׳האַרץ מוז נאָך וואַרטן, וואַרטן און וואַרטן —
ווער קאָן דעם בליץ און דעם דונער נאָך איילן?

בלויער באַגינען

איך וועק זיך אין וואונדער פון בלויען באַגינען —
איך ווישׁ אויס די אויגן און זע עס איז וואָר:
אויף ערד פון סאָוועטן אַריבער רואינען,
עס הייבט זיך און טורעמט אַ בנין שוין גאָר.

אַ שטילקייט פון ערשטע, פון זעלטענע שעה׳ן,
ווען בום פון קאַנאָנען הערט אויף און פאַרשווינדט...
דער קריג איז פאַריבער... נעכט שוואַרצע, ווי קראָען,
אַוועק מיטן אָנקום פון׳ם בלויען באַגין.

דער רויך איז צערונען, פאַרלאָשן די פלאַמען —
ווי פרידלעך עס גיסט זיך דער בלוילעכער שיין!
ווי ס׳וואָלטן זיך שטראַלן געטונקען אין ים׳ען,
פאַרוואַשן מיט בלוי־ליכט דעם חורבן און פּיין.

עס וועקן זיך גאַסן, ס׳צערוישן זיך וועלדער,
ס׳גייט אויף אַ געזאַנג פון פויגל און מענטש;
עס אײַלט שוין אַ פּויער צו דורשטיקע פעלדער,
עס קלאַפּט וועך שוין טשוועקעס אין נײַאינקע ווענט.

עס דרייט זיך שוין ווידער דעם שטאָט־זייגערס ווייזער,
די ציפער, ווי אויגן, מיט שלאָף אויפן ברעם;
עס שלאָגט איצט דער זייגער, ווי ס׳האַרץ אין די הייזער,
מיט אַלטער געטריישאַפט, מיט נייעם פאַרנעם.

עס רוען די העלדן, די רויטע אַרמייער.
פון ביטערע שלאַכטן זיי וויסן דעם זין.
זיי גיבן דעם טאָג צו די בויער און זייער —
זיי האָבן געוואונען דעם בלויען באַגין.

ביסט פֿאַר מיר אַ וואונדער

בירא־בידזשאַן, ביסט אַלץ פֿאַר מיר אַ וואונדער —
דײַנע טײַכן מיט כשוף עס שטראַלן...
אוי, ווען איך וואָלט זײַן אײנס פֿון דײַנע קינדער,
ווי פֿרײדיק מײַן ליד וואָלט צעשאַלן!

אור־אַלטע טאַיגע —געוואַרט אַזוי לאַנג
אַ מענטשלעכער טראָט זאָל דיך וועקן;
אור־אַלט פֿאָלק — אין אײביקן גאַנג —
פֿאַרוואָרפֿן דײַן זאַק און דײַן שטעקן.

בירא־בידזשאַן, אַזוי שפּע׳דיק, פֿרײַ,
צעעפֿנט ברײט טירן און טויערן!
ווערט מענטש אין דיר שעפֿעריש, נײַ,
ווערט פֿאָלק אין דיר ווידער געבוירן.

אוי, ווי איך וואָלט וועלן אין דײַנע בערג און וועלדער
מיט מײַן יידישן ליד זיך פֿאַרקלײַבן!
בירא־בידזשאַן, ביסט אַלץ פֿאַר מיר אַ וואונדער
און אַזוי וועסטו בײַ מיר שוין פֿאַרבלײַבן.

בירא־בידזשאַן, סאַלוט!

דיין נאָמען, וואָס איז געווען אַזוי ניי,
געשמעקט מיטווילדער טאַיגע,
מיט פוקסן און מיט בערן,
איז געוואָרן אייגן —
ווי דאָס קול
פון אַן ערשטלינגס מויל;
ווי דאָס לייב
פון אַ הייס־געליבט ווייב.

אויף דיין ערד, וואָס שפּרייט זיך ווייט און ברייט,
האָט מען נאָר־וואָס פאַרענדיקט דעם פרילינג־פאַרזיי.
וועט עס באַלד שמעקן מיט גרינס און מיט היי,
מיט פרוכטן זיסע און מיט קימלדיק ברויט —
אויף אייביק פאַרטריבן די ביטערע נויט!

בירא־בידזשאַן, וואָס איז געווען אַזוי פרעמד,
געשראָקן מיט וויטקייט,
מיט פליגן און פרעסט,
געוואָרן איז נאָענט —
ווי די רויז
פאַר אַ געליבטערס הויז;
ווי דאָס ליד
פון מאַמען ביי דער וויג;
ווי דאָס אויסגע׳חלומ׳טע קינד,
געבוירן אין גלייכהייט פון פעלקער־געזינד.

בירא־בידזשאַן!
דורך קנאַל פון קאַנאָן,
דורך הימלען מיט שטאָלענע אָדלערס פאַרזייט,
דורך ים׳ען מיט געפּאַנצערטע שיפן פאַרשפּרייט,
אין טעג פון געראַנגל, פון טויט און פון בלוט, —
מיר שיקן דיר אַ האַרציקן, הייסן סאַלוט!

בירא־בידזשאַן

בירא־בידזשאַן, בירא־בידזשאַן —
וויפיל גליק אין דעם צוויי־וואָרט פאַראַן!

נישט בלויז אַ נאָמען פון טייכן צוויי,
נישט בלויז אַ לאַנדביים אַמור אין שניי —

חלום פון דורות — הונגער פאַר לאַנד,
פאַר לעבן פרייען מיט פעלקער באַנאַנד;

אַאַזיס אין מדבר פאַר וואַנדערער מידן —
מיט כח באַנייטן די צוקונפט צו שמידן.

אוצרות אין בערג, אוצרות אין ערד,
שפע געבענטשטע מערט און מערט.

עס שלאָגט דאָרט די פרייד פון ערלעכער מי:
די תבואה אין שייער, אויף לאָנקעס די קי.

אין פאַבריקן די רעדער אין רוישיקן גאַנג,
די קינדער אין שולן זינגען יידיש־געזאַנג.

טראָג זיך מיין בריוול

צו אַ דיכטער אין ביראָ־בידזשאַן.

כ׳שרייב דיר אַ בריוול קיין ביראָ־בידזשאַן.
ס׳וועט גיין מיט אַ שיף, ס׳וועט גיין מיטן באַן.
נישט שטח און ווינט, נישט כוואַליע וואָס זידט
וועלן אָפּמעקן ליבשאַפט פאַר׳חתמ׳עט אין ליד.

איך—אויף ניו־יאָרקער גאַסן, דו—אויף רויערד בידזשאַנער,
זינגען דאָס ליד פון רויטאַרמייער, פאַרטיזאַנער.
מיר שפינען דעם חלום פון וועלט העל־צעבליטער,
וועןן אַריבער וועט שטורעם, אַריבער געוויטער.

עס טרעפט: אין מיין ליד ציטערט טרער אויף פאַרשטיקט...
דאָס האָט ס׳אויג פון מיין האַרץ דורך ימ׳ען דערבליקט
די געטאָס, די תליות, די נאַצישע רוט,
דעם חורבן, דעם פיין און די טייכן פון בלוט.

דעמאָלט טרייסט מיך דיין קול — אַזוי האַפּערדיק, יונג;
ס׳פאַרמאָגט אַזאַ ברען, אַזאַ אימפּעט און שוואונג!
ס׳שמעקט מיט פרישקייט פון וואַלד, מיט פאַרזיי און מיט שניט,
ס׳זינגט פון בוי און בלי — פון אויפקום פון ייד.

און טיילמאָל: מיין שטים ברומט פון צאָרן, ווי אַ לייב,
דאָס רוף איך צו נקמה קעגן חיות פון רויב!
דאַן הער איך דיין ענטפער — מיט ווירדע, מיט וואָג:
„מיר וועלן אויסראָטן פאַשיסטישע פּלאָג!״

פריי איז דיין ליד, ווי ווינט אין דער טאַיגע.
ירושה פון געטאָס — מורא און דאגה
צערונען, ווי רויך, איבער בערג כינגאַנער —
אַז וואויל איז דיר זיין אַ דיכטער בידזשאַנער!

נאָר היינט איז דיין ליד, ווי די ביקס אין דיין האַנט,
געצילט קעגן שונא פון דער וועלט און פון לאַנד.
טאָ טראָג זיך, מיין בריוול, ווי אַן אָדלער און פלי —
מיין ליבשאַפט פאַר׳חתמ׳עט איז דאָרטן אין ליד.

ער וועט ווידער זיין יונג

עס קומט צו דיר דער יתום, בירא־בידזשאַן,
אויף ווידער צו ווערן אַ קינד.
נישט פרעג אים פאַרוואָס, נישט פרעג אים פונוואַן,
נאָר ווי ס׳בוימל אויסגעוואָרצלט פון ווינט,
פאַרפלאַנץ אים אויפסניי אין דיין זאַפטיקן לאַנד.

עס וועלן די פייגל אַראָפּ פון די בערג
און פליען מיט צוויטשער דעם יתום פאַראויס;
עס וועלן צעוויגן זיך גראָזן ביים וועג,
די וואונדיקע פיסלעך אים קילן מיט טוי;
אין פאַרמעסט וועלן הילכן האַמער און זעג
און בויען פאַר אים דאָס ליכטיקסטע הויז.

ער איז ערשט נישט לאַנג פון פייכטער גרוב אַרויס,
עס האָט אים באַהאַלטן דאָרטן אַ שכן.
אַ האַלאָוועשקע פון אַ ברענענדיקער הויז —
דער יורש פון פּיין און בטחון.

און דיר איז באַשערט אויף רחבות׳דיקער ערד
באַהעפטן דעם יתום אויפסניי מיט זיין שטאַם.
פאַרשניטן טייל צווייגן האָט בלוטיקע שווערד,
אַ טייל האָט פאַרברענט דער בראַנדיקער פלאַם,
נאָר טיף איז זיין וואָרצל — ע ר ווערט נישט צעשטערט,
פון אונטער דעם אַש ער בליט אויפדאָסניי!

און דו, וואָס דו ביסט אַליין אַזוי יונג,
נעם לערן דעם יתום אויפסניי טאָן אַ שפרונג!
וויש אויס פון די אייגלעך דעם אומעט און שרעק;
געוואוין אים מיט קינדער צו געבן אַ זונג
אויף ליכטיקע גאַסן, אויף באַרגיקן וועג;
אַ, גיב אים פון לעבן, פון פרייען אַ טרונק!
ביי דיר, מיט דיר, וועט ער ווידער זיין יונג.

5

אונדזער ווײ־געשרײ

אונדזער ווײ־געשרײ הײבט זיך צו די הימלען.
אונדזער קינה־קלאָג טרײסלט אויף די וועלט.
וואו־זשע איז דער שליסלער מיט די שליסלען?...
ווער האָט דעם טויער פון רחמים פאַרשטעלט?!

אין ערד צעאַקערטער, מענטשן־גלידער שטומען.
ברידער־קברים וואַקסן דורך טעג און דורך נעכט.
ווער האָט פון טויט די הייליגקייט פאַרנומען?
ווער האָט פון לעבן די הייליגקייט פאַרשוועכט?

— קראָען קראַקען אין הוילער לופט פון ווינטער
— שוואַרצע שדים אויפן ווײסן שניי
צאַנקט אַ ליכט, ווען אַלטע וועלט גײט אונטער?
ווײנט־מיט דער ווינט אויף לעצטן, לעצטן ווײ?

פון ערגעץ־ווײט עס טראָגן זיך געזאַנגען,
— ,ווי שניטער וואָלטן זינגען אויף וועגענער פון הײ
איז עמיצער צום זונליכט שוין דערגאַנגען?!
בליט ערגעץ־וואו די ערד פון אונטערן אַש־פאַרזײ?

זיי קומען עדות זאָגן

איך בין געווען, איך האָב געזען,
און אויף אייביק אין מיין האַרץ פאַרקריצט:
די טויטע ביינער פון די קדושים
שטייען אויף צום וועלט־געריכט.

איך האָב געזען דעם ערשטן ציטער,
וואָס איז אַדורך, ווי ווינט אין פעלד,
ביינער פאַרסמאַליעטע, צעשטויבטע,
זיך אַ הייב געטאָן און אויפגעשטעלט.

...זיי שטייען אויף...
פון גריבער האַלב־פאַרשאָטענע,
וואו פייכטע ערד האָט זייער לעצטן אָטעם איינגעזאַפּט,
און דאָרט וואו ערד איז שיטער,
זי גיט אים אָפּ פון צייט צו צייט
מיט אַ קרעכץ און מיט קאָנוואולסיוון ציטער.

זיי הייבן זיך אַרויס
פון קאַלך־אויוונס, ווי מולד־ריזן,
וואו הייס איז נאָך דאָס אַש.
דאָרט שטינקען נאָך די גאַזן,
עס שטיקט נאָך אַלץ דער טשאַד —
דאָס פייער האָט אים פאַרברענען נישט באַוויזן,
דער ווינט האָט אים פאַרטראָגן נישט געוואַגט.

זיי שטייען אויף פון אונטער חורבות איינגעפאַלענע
פון געטאָ וואַרשעווער און לאָדזשער און לובלינער,
וואו ס׳הילכט נאָך רוף צו וואָפן און נקמה,
און ס׳פלאַטערט נאָך פון אַ סקעלעטן־מויער
זייער פאָן, די בלוט־באַשפּריצטע —
די פאָן פון מסירת־נפש׳דיקן דויער.

זיי שטייען אויף פאַמעלעך, זיי קלייבן זיך מיט מי:
עס זוכן הענט די פיס,
(זיי גלייכן אויס די קני...)
גלידער זוכן גלידער אָפּ —
דעם ברוסטקאַסטן, דעם קאָפּ.
איר קינד געפונען האָט אַ מאַמע
און האַלט דיביינדעלעך צוזאַמען
מיט אירע ביינערדיקע פינגער;
אַ זקן נעמט אַן אייניקל ביים האַנט
(אַזוי איז אים צו גיין גרינגער...)
אַ פריינט זוכט אויף אַ פריינט,
אַ זון — אַ טאַטן,
(נאָר איין זקנה זוכט נאָך אַלץ איר אַלטן...)

עס ציט זיך אַ פּראָצעסיע:
סקעלעטן טרוקענע באַוועגן זיך פאָראויס —
עדות גרויליקע פון מאָרד און פּיין.
זייערע פוסטריט הילכן אָפּ
אין יעדער גאַס, אין יעדן הויז —
זייערע שאָטנס דעקן צו פון טאָג דעם שיין.

פול איז לופט מיט דעם נישטדאָאיקן גערודער —
טרעשטש פון ביינער טרוקענע פילט אַן דעם חלל
פון דער וועלט —
דורך לייב פון רוצחים בלוטיקע גייט דורך אַ סקרוך
פון שוידער,
אויף זיי טייטלען צאָרנדיק די ביינערדיקע הענט!

שטיל ווערט פויגל אויפן צווייג,
ביז הערט אויף צו זשומען;
פאַרציטערט שטייט אַ טיגער אין זיין שטייג,
לייב האַלט איין זיין ברומען.

גערונען ווערט די מילך אין אייטער פון דער קו,
און אַלע לאָנקעס הערן אויף צו גרינען;
פאַרפלויגן, ווי דער ווינט, פון פעלדער איז די רו,
און שטראָמען בלוט, ווי רויטע טייכן רינען.

זיי קומען אָן מיט אַלע וועגן,
און קריצן איין זייער טראַט אויף פּנים פון דער ערד —
אָ, גיי זיי, גיי די צאַרנדיקע אַנטקעגן!
נישט באַהאַלט דיין קאָפּ אין שאַנד און טרער!

ווי טראָפּנס טוי הענגען אין דער לופט
טרערן לאַנג פאַרגאָסענע;
עס בליצן־אויף פון ערגעץ־וואו
אייגלעך קינדערשע, אַרויסגעשאָסענע...
אַ האַנט פאַרקראַמפּט אין אַ פויסט
טוט זיך דראָענדיק אַ הייב!
בערד זקניישע דרייען זיך אין ווינט,
ליפּן קאָרטשען זיך אין שרעקלעכער אַגאָניע,
שיך־שפּיצן איילן דורך געשווינד,
לאַנגע, צאַרטע פינגער בעטן זיך און מאָנען...

נישט קער דיין קאָפּ אָפּ אָן אַ זייט!
אַנטלויף נישט אין דיין שיינעם הויז פון גלאָז...
זייער פּיין וועט דיך נאָכיאָגן ווי ווייט —
אָ, קום און טרינק ביז דנאָ פון ביטערניש דעם כּוס!

קום און קוק און טרינק זיך אָן מיט גאַל און גרויל!
קום און שפּאַן מיט זיי פון דעם טויטן־טאָל!
זע, זיי קליידן אָן זיך באַלד אין פלייש און בלוט —
ווייַ, ווי ס'גליען זייערע וואונדן אין דער זון!

גיי מיט זיי און הער זיך איין:
אין דעם רויש פון זייערע ביינער
עס וויינט דער פּיין;
עס שרייען די יסורים, עס זידט נאָך אַלץ דאָס בלוט —
די ביינער קנאַקן, טרעשטשען,
ווי אונטער נאַצי־רוט.

הער זיך איין,
ביז דיין יעדער צעל פון בלוט און מאַרך
וועט שרייען דיך און שאַרף,
שרייען דאָס געשריי וואָס האָט פאַרשטומט
אין זייער לעצטן, כאַרכלדיקן ברום...

נאָר אויך דיין ווײ־געשריי און דיין נקמה־רוף
נישט צינדן וועלן אָטעם אין אַ טויטן גוף.
איז קאָן דען ווער באַצאָלן דעם הייליק־גרויסן חוב
פאַר לעבן — זייער לעבן — צעמאָלענעם אין שטויב?

קאָן דען ווער פאַרענדיקן דעם גאַנג פון זייער וועג?
קאָן דען ווער זיי אומקערן דאָס ליכט פון זיי׳רע טעג?
דעם בלוי פון בין־השמשות,
דעם זילבער־שיין פון נאַכט,
דאָס גאָלד פון זון און זאַנגען,
פון זון־פאַרגאַנג דעם פּראַכט?

קאָן דען ווער פאַרגיטיקן פאַר האַנטדרוק פון אַ פריינט?
פאַר שפּיל און טאַנץ פון גלידער יונגע
מיט לעבן שכור, ווי מיט וויין?
פאַר הייסן בליק פון ליבשאַפט,
שפּיל פון מאַן און ווייב,
עקסטאַז פון אויסגעטרוימטער בענקשאַפט —
באַהעפטונג לייב צו לייב?

קאָן דען ווער זיי אומקערן דעם כשוף־קלאַנג פון ליד?
דעם ריח פון בעז אין פרילינג?
די פרייד פון שעפּערישער מי?
דעם תענוג און די הייליגקייט פון קינד ביי מוטערס ברוסט,
פון טיפע חכמה־קוואַלן — דעם זעלישן גענוס?

זיי שטייען אויף, זיי שטייען אויף,
אויפמאָנען פון וועלט דעם חוב.
אוי, ווי איז מיר, אויך איך בין שולדיק:
איך בין געווען צו געדולדיק;
איך האָב געטרונקען און געגעסן,
שעה'ן לאַנג אָן זיי פאַרגעסן.
איך קאָן נישט מער! איך קאָן נישט מער!
איך האָב געזען, איך האָב געהערט...

כ׳דאַרף קיין קריעה היינט נישט רייסן

צום טרויער־טאָג נאָך די יידישע קרבנות פון היטלערן.

כ׳דאַרף קיין קריעה היינט נישט רייסן,
שניט אין לייב איז טיפער, ווי אין קלייד.
געדעקט אין שוואַרצן, צי אין ווייסן,
אייטערט מיין וואונד פון טרויער און לייד.

זעץ איך זיך אויף דיל, דעם קאַלטן,
צינד אָן מיין זיידנס וואַקסן ליכט,
מיט זיין נגון, מיט דעם אַלטן,
הייב איך אָן מיין קינה־ליד.

טרערן רינען אויף מיין פּנים.
ס׳ציטערט דורך דער נאַכט מיין קול:
ווער באַצאָלן וועט די שונאים?
ווער וועט ראַטעווען מיין פאָלק?

ס׳צאַנקט דאָס ליכט אין אַלטן לייכטער.
טאָג גייט אויף איבער גראָז און שטיין.
זון־שטראַל גלעט מיין אויג, דאָס פייכטע —
גאָט האָט פאַרנומען מיין געוויין.

זיי לעבן אין אייביקן שיין

געווידמעט דעם אָנדענק פון די קדושים פון דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

א.

ווייניק זיינען זיי געווען
און גלויביק זיינען זיי געווען.

פון גלויבן ווערט מוט געבוירן,
אפילו הינטער געטאָ־טויערן.

אפילו הינטער געטאָ־ווענט,
דער פלאַם פון גייסט ברענט און ברענט.

אין שוואַרצע נעכט, אין וויסטע טעג,
ער לאָזט נישט שטרויכלען אינ׳ם וועג.

עס פליען קוילן, ס׳פאַלן קלעפּ,
נאָר יידן בייגן נישט די קעפּ.

אין האַרץ, אין מוח, ס׳קלינגט פון לאַנג,
נאָך פון פאַרצייטן אַ געזאַנג.

דורך בייטש געסווישטש צעשאַלט אין לופט,
„תמות נפשי„ — שמשונ׳ס רוף.

בר־כוכבא׳ס מוט אין זיי דערוואַכט:
אין בלוט געהייליקט גיין אין שלאַכט!

ב.

פסח — שענסטער יום־טוב, יום־טוב פון באַפרייאונג.
ער קומט אויך היי־יאָר אָן מיט פרילינג און באַנייאונג.

ער קומט אויך היי־יאָר אָן מיט אגדה־געשטאַלטן,
נאָר ס׳פינקלט נישט קיין ווין אין זיידנס כוס, דעם אַלטן.

עס שמעקט נישט מצה־ריח, חרוסת, פיש און כריין —
די מלכים און די מלכות — אין שמאַטעס — הויט און ביין...

נאָר אין די אויגן ס׳פינקלט פון מצרים נאָך דער פונק —
דעם יום־טוב פון באַפרייאונג גרייטן אַלט און יונג...

אין די הויפן, אין די קעלערס, הינטער פעק באַהאַלטן,
ליגן אייזנס, שטיקער ברוכוואַרג—דאָס געווער, דאָס קאַלטע.

פסח קומט, עס שיינט די זון, עס גלעטן אירע שטראַלן —
עס קוקן אָן זיך מאַמעס, זין: ווער וועט דער ערשטער פאַלן?

עס קוקן אָן זיך טאַטעס, טעכטער: ווער וועט יאָך צעברעכן?
ווער וועט זוכה זיין דער ערשטער, אַ נאַצי צו דערשטעכן?

פרילינג־ווינטן בלאָזן אומרו, נאָר שרעק איז ווי פאַרשוואונדן—
מיט פאָדעם בלוטיקן צום אורשפרונג—דער פסח איז פאַרבונדן.

ג.

רידלען גראָבן אין דער נאַכט:
געטאָ גרייט זיך, געטאָ וואַכט.

אַקסלען האַסטיק — אַראָפּ, אַרויף:
גראָבן, גראָבן נאַצי־סוף.

הונגער פייניקט שוין נישט מער —
אַ קינד בלויז לאָזט אַמאָל אַ טרער.

ס׳איז די ערשטע סדר־נאַכט —
אויג פון הימל האַלט אויך וואַך.

ס'טאָר קיין האַנט נישט ווערן מיד:
אין זיין בלוט לעבט אַ ייד...

נאַציס קומען זיי פאַרנאַרן:
דערשטיקן און מיט ערד פאַרשאַרן.

שפּיל פון מאָרד, בלוט און ליגן —
אָ, ווער וועט ווענען דאָ באַזיגן?!

שנעלער רידלען, ס'ווערט באַלד שפּעט —
שוין גע'חתמ'עט דער דעקרעט!

ד.

ס'האָט דער מאָרגן זיך באַוויזן
אין דעם בליאַסק פון ביקסן־שפּיזן.

מאָרגן־רויט אויף שייטלען, צעפּ,
יאַרמעלקעס און הוילע קעפּ.

ס'טיילט אַ יונג אויס גראַנאַטן
צו דעם זיידן און צום טאַטן.

מאַמע שטייט אין פאַרטוך ברייטן,
אויף איר פּאַסטן — עסן גרייטן.

און די קינדער, ווי גרויסע, שטיל,
נעמען אָנטייל אין דער שפּיל...

נאָר די אייגלעך רונד און גרויס —
טוליען זיך צו מוטערס שויס...

שוועסטער זיצט און קוקט פאַרשטאַרט —
יעדעס אויער האָרכט און וואַרט...

יעדנס האַרץ נעמט דורך אַ ציטער:
ס'קנאַלט אַ שאָס, אַ צווייטער, דריטער!

ה.

א מעכטיקער אָרעם, אַ פּייערדיקע האַנט
האָט אַ טרייסל געטאָן די געטאָ־וואַנט!

די שליוזן פון צאָרן צעעפנט, צעגאָסן:
פון ווינקלען, פון טירן, פון פענצטער, די שאָסן!

ווי לאַווע, עס גיסט זיך צעשמאָלצענער האַס
דורך רערן פון ביקסן אויף נאַלעווקי גאַס!

פאַר טרעבלינקע־לאַגער און פאַר אַשווענטשים
דערלאַנגען גבורים אויף מילע און גענשע!

עס פייפן די קוילן, עס פליען גראַנאַטן:
פאַר געקוילעטער שוועסטער! פאַר אַלטינקן טאַטן!

די ביטערע גאַל פון דעם נאַצישן סם,
עס שפייען היינט יידן מיט פונקען פון פלאַם!

קיין טאַנק, קיין האַרמאַט, עס רייסט זיך נישט דורך:
עס ציט זיך צוריק דער נאַצישער שטשור!

זיג ערשטער פאַרגייט אין אַ פרייד אָן אַ האַפט:
דער דייטש קומט צוריק — אַ, גאָט, גיב זיי קראַפט!

ו.

עס טרייסלען זיך שויבן אין גראַטעס געשמידט:
אויפשטאַנד פון געטאָ דעם פּאַוויאַק צעגליט.

אין קאַמערן־קברים, עס קלאַפּן דורך ווענט
פינגער — נשמות — מיט ברען אין די הענט.

ווענט דורכגעווייקטע מיט בלוט און מיט ווייי
דערהערן דעם „קאַמף און נקמה!‟ געשריי.

די וועכטער מיט מאַרדעס און בלוט־רויטע קאַרקן,
עס לעכצן הענט לאַנג שוין דערשטיקן, דערוואַרגן.

יידן פאַרשטעלטע מאַרשירן צום טויער —
תפיסה — פאַרטאַיעט — מיט אָפענעם אויער...

פאַר דייטשע מונדירן ס'צעפּענען זיך שלעסער —
אַ שאָס גיט אַ קנאַל! ס'צעבלאַנקען זיך מעסערס...

גופים צעבראָכן פון פּיין און פון קלעפּ
פאַרלאָזן די טורמע מיט געהויבענע קעפּ.

פרייע, זיי גייען מיט ברידער צוזאַמען,
פאַר ליכטיקער וועלט זיך וואַרפן אין פלאַמען.

ז.

ווער רופט עס, ווער וועקט עס אין פינצטערער נאַכט?
עס רופן די קעמפער דורך רויכן פון שלאַכט.

פאַרן כבוד פון פאָלק, פאַר דער ווירדע פון מענטש,
זיי שטרעקן פון געטאָ די גלויביקע הענט:

„טעג שוין און וואָכן, ווי ס'פלאַקערט דער בראַנד —
איר שלאָפט אין די קייטן און דולדעט די שאַנד...

מיר צאָלן און צאָלן פאַר פאַרגאָסענעם בלוט —
אָ, גיט אונדז געווער! — אונדז פעלט נישט קיין מוט!

דער שונא איז גרויזאַם, דער שונא איז שטאַרק —
שטעלט־אויף באַריקאַדן אין גאַס און אין מאַרק!

ער מאָרדעט פאָליאַקן, ער שעכט אויס די יידן —
זאָל קאַמף און נקמה די אייניגקייט שמידן!

וואַרשע, פאַר דיר מיר צינדן די פלאַמען —
אָ, זיי אונדז אַן אמת'ע, ליבנדע מאַמע!"

דורך קראַכן און קנאַלן, עס קלאַפּט אָן דער רוף,
נאָר טויב זיינען טירן — ער בלייבט אין דער לופט.

ח.

צוויי און פערציק טעג, צוויי און פערציק נעכט —
ווי מעסט מען צייט ווען דער שעכטער שעכט?

לאַנג, לאַנג ציט זיך די רגע פון גסיסה...
ס׳דאַכט זיך, שוין יאָרן דאָס קראַכן און שיסן...

שטאָלצע, גיהנום׳דיקע טעג און נעכט!
יעדע הויז אַ פעסטונג וואָס האָגלט און ברעכט;

יעדע טיר אַ פאַסטקע, יעדעס פענצטער אַ בראַנד,
נאָר ווייניקער און ווייניקער הייבן שוין די האַנט...

אַ הייפעלע יידן קעגן טאַנקען פון שטאָל —
ביזן לעצטן אָטעם־צוג, ביזן לעצטן קויל!

און אין דעם לעצטן שאָס, אין האַנט פאַרדריקטער — פרייד:
אָפּגעצאָלט פאַר לעבנס, אָפּגעצאָלט פאַר לייד.

און אין דעם לעצטן אָטעם, אַן אָנזאָג צום מין מענטש —
ס׳שפּרינגט דער לעצטער קעמפער פון ברענענדיקע ווענט.

ווי אַ פייערדיקער פויגל, ער טראָגט זיך אין דער לופט —
די פאָן אין זיינע הענט צום קאַמף, צו וואָפן רופט.

ט.

די געטאָ — האָלאָוועשקעס, אַש.
די העלדן — שטויב און ביינער.
נאָר ס׳זידט דאָס בלוט נאָך אַלץ
אויף מזבח־שטיינער.

נאָך הילכט געוואַלד פון מאַמעס
מיט ברענענדיקע קינדער;
ער רייסט זיך דורך די פלאַמען
און צינדט די אונטערצינדער.

עס ווייגט דער ווינט דורך לעכער
פון אויסגעהוילטע ווענט,
נאָר שטאַרקער נאָך און העכער
דער פּאָך פון פליגל־הענט.

זיי פלאַטערן אין רוימען
מיט געטאָן־פּאָן צעשפּרייט,
עס טריפט פון אירע זוימען
דאָס בלוט וואָס וועקט און שרייט.

י.

און וואו נאָר ס'שלאָגט אַ יידיש האַרץ,
עס גיסט זיך אָפּ מיט בלוט,
עס ציטערט אויף און לעכצט און גאַרט
אַ פונק פון זייער מוט.

פון אונטער געטאָ־אַש מיר קלייבן
די פונקען פון מוטיקע טעג;
דאָס פייער מיט אונדז זאָל פאַרבלייבן,
אונדז לייכטן און ווייזן דעם וועג.

עס שטראַלט אויף אונדז זייער קדושה,
פאַרוואַנדלט אין יום־טוב דעם וואָכן;
פאַרן קיום פון פאָלק — די ירושה,
איבער רשעות און טויט — דער נצחון.

דער מערדער־דור פון גרויל און פון צאָרן
וועט פאַרגיין, ווי דער שוים אויפן רהיין,
און דער ייד, ווי דער ברענענדיקער דאָרן,
וועט לעבן אין אייביקן שיין.

אַ ייד ווערט געבוירן

באַלאַדע.

געוויינט האָט די נאַכט אויף מענטשלעכע זינד:
מיט צאָרן האָט געפייפט דורך ביימער דער ווינט;
די צווייגן, די דינע, געבראָכן, געריסן,
אין פרילינג — די בלעטער, ווי האַרבסט־ווינט געשמיסן.

די שטערן פאַרלאָפן מיט טרערן אַ נעפּל;
לבנה אין שוואַרצן, ווי רויכערדיק לעמפּל;
די שאָטנס צעלאָפן, ווי מייז אין די לעכער;
צעשראָקענע, עלנטע — קוימענס אויף דעכער.

געשלעפּט האָט זיך מאַמע מיט טויט־מידע טריט;
געגאַנגען, געפאַלן — דעם בויך נאָר געהיט.
עס לעבט נאָך, באַוועגט זיך אַ נפש אין איר טראַכט —
אַ יידן פון געטאָ זי טראָגט אין דער נאַכט.

דער אָפּשיין פון פלאַמען אין פאַרלאָפענע אויגן;
די ליפּן אין קללה מיט שוים־וויס פאַרצויגן;
איר מאַן, אירע קינדער — געפאַלן אין שלאַכט,
בלויז דער איז פאַרבליבן, בלויז דער אין איר טראַכט.

עס הילכן באַנאַגלטע שטיוול אויף גאַס.
פון קלעפּיקן בלוט טריפט אויף שטיינער דער האַס...
פון חרוב׳ער געטאָ טראָגן דייטשן די טויטע —
נאָך יאָגט זיי דאָס פייער, די פלאַמען, די רויטע.

די מאַמע — פאַרטאַיעט אין אויסבויג פון ראָג.
דער ווינט רייסט די דעכער און יאָמערט איר קלאָג.
די טירן אויף וואַרשעווער גאַסן פאַרמאַכט —
ווער וועט זיך מרחם זיין — איר געבן אַ דאַך?

אַ רעגן נעמט פאַלן, טרייבט נאַצי־גזלנים.
זי שלינגט טראָפּנס דורשטיק און פרישט אָפּ איר פּנים.
זי שטרעקט אויס די הענט צו די הימלען פון צאָרן:
אוי, אַ דאַך פאַר איר קינד, וואָס זויל ווערן געבאָרן!

עס שלעפּט זיך די מאַמע — צום וואַלד איז נאָך ווייט —
קלאַפּט אָן אין אַ טיר פון אַ הויז ביי דער זייט;
אַ האַנט עפנט אויף און פאַרריגלט געשווינד —
דער חושך טרייבט ווייטער — ס׳מוז לעבן איר קינד!

אַ בוים בייגט די צווייגן, פאַרדעקט זי מיט גנאָד.
זי הערט נאָך פונווייטן דעם סקריפּ פון אַ ראָד;
די ערד ביי דעם שטאַם איז טרוקן און וואַרעם —
איצט הערט זי שוין מער נישט פון שטורעם דעם ליאַרעם.

זי שפּירט שוין נישט מער קיין מידקייט אין גלידער,
זי זיצט גאָר ביים טיש מיט שוועסטער און ברידער,
זי איז נאָך אַ קינד מיט צוויי לאַנגע צעפּ,
איר מאַמע ביים מאַשין, שטעפּט לייוונט און שטעפּט...

אַ בליץ רייסט די אויגן — ווי קומט זי אין וואַלד?
איר דאַכט זיך, זי הערט פון געטאָ דעם געוואַלד.
זי זעט אירע קינדער מיט ביקסן, גראַנאַטן,
זי זעט, ווי עס פאַלט איר אַלטינקער טאַטע...

זי גיט זיך אַ הייב — זי וויל לויפן צוריק!
צוריק צו איר היים פון אַמאָליקן גליק —
זי פאַלט, און דורך וואַלד איר געשריי טוט אַ ריס,
ווי וואָי פון אַ וואָלף, ווי פון חיה אַ ריטש...

פּאַרטיזאַנען הערן אין פינצטערן וואַלד
אַ יאָמער, אַ קוויטש — דער מאַמעס געוואַלד.
זיי הערן, ווי ס׳שרייט דורך די ביימער דער ווינט:
„אַ מאַמע, אַ מאַמע, אין וואַלד גייט צו קינד!"

זיי האָבן געפונען זי הינטערן בוים.
אירע ליפּן בלוי, פאַרגאָסן מיט שוים.
אַ פּישטש האָט געהערט זיך — דאָס קינד פון איר גליד —
אַ מענטש ווערט געבוירן, אַ מענטש און אַ ייד!

דער טויט האָט מאַמען פון יסורים באַפרייט.
געהערט נאָך איר קינד, אַז עס לעבט, אַז עס שרייט,
האָט שמייכל פאַר׳שרפה׳טע ליפּן צעבויגן,
האָט רואיק פאַרמאַכט די מאַמע די אויגן.

זיי האָבן באַגראָבן זי דאָרט אויפן אָרט;
דאָס עופה׳לע נאָך מיט אַ יתום געפאָרט.
מען האָט עס געבאָדן אין טרערן, אין הייסע,
מען האָט עס געוויקלט אין שמאַטקעלעך ווייסע.

דער ווינט האָט שוין מער נישט געריסן די דעכער,
געוויגט בלויז פאַמעלעך די צווייגן, ווי פעכער.
געפלאַמט אויפן הימל האָט זוניקער רויט,
באַלויכטן צוגלייך אי לעבן, אי טויט.

— — — — — — — —

די מאַמע ליגט שטיל... דער בוים וויגט זי איין...
ער זינגט איר לידער פון וועלטן אָן פּיין;
נאָר פאַלט צו די נאַכט, הערט מען וואָיען דעם ווינט:
„אַ ייד ווערט געבוירן! די צייט גייט צו קינד!"

אין די טיפענישן פון דיר געפין איך דאָס וואָרט

נחמו, נחמו עמי...

איך וואָלט דיך, מיין פאָלק, טרייסטן געוואָלט
מיט אַ היילנדיק וואָרט.
מיט אַ וויזיע פון טעג
אויף אומענדלעכן וועג
פון פרידן און גליק.
נאָר אויף אונדזער האַלדז הענגען נאָך די שטריק.
נאָך ברענען די פלאַמען
פון אכזריות און שאַנד;
אויף יבשה, אויף ים׳ען,
וואו נאָר אַ לאַנד,
דאָרט פלאַקערט דער לעצטער, צעריסענער בריק.

איך וואָלט דיך, מיין פאָלק, טרייסטן געוואָלט,
דו דאַרפסט האָבן טרייסט.
עס בלוטיקט דיין גוף, עס ווייטיקט דיין גייסט,
און איך בין אַ גליד —
איך בלוטיק מיט.

נאָר וואו געפין איך דאָס וואָרט?
איך זוך עס און זוך עס אויף וועגן פון מאָרד...
ס׳באַגעגענען מיך אויגן פון ווייטיקן שטאַר —
וואו נעם איך דאָס וואָרט צו שטילן זייער צער?

אין דער טיפעניש פון דיר איך זוך עס, מיין פאָלק!
אין הענט פון גבורה, אין מוסקלען פון שטאָל.
אין דיינע זין — די קדושים;
אין דיינע טעכטער, די ריינע;
אין די פאַרבליבענע קינדערלעך, די קליינע;
אין די קעמפער אויף ים׳ען, אין לופט און אויף פעלדער;
אין פאַרטיזאַנישע גריבער, אין לאַגערן, אין וועלדער;
ביי די קעמפער אין געטאָס—אין זייער שטאָלץ, אין זייער מוט—
דאָרט געפין איך דאָס וואָרט, דאָרט לעבט עס אינ׳ם בלוט!

זיי קומען צו מיין סדר

1.

די טיר שטייט שוין אָפן. עס פינקלט דער וויין.
אַ בוים פאַר מיין הויז בליט אין נאַכטיקער שיין.
איך וואַרט אליהו הנביא אין טיר זאָל אַריין.

אַן אַלט־אַלטער ציטער נעמט מיך אַרום...
כ׳דערהער פונדערווייטנס אַ שאָרך און אַ ברום,
ווי עמיץ וואָלט וועמען אַ רוף טאָן שטיל: „קום!"

און פלוצלונג — דער בוים נעמט זיך הילן אין פלאַמען.
ס׳דערטראָגט זיך אַ גוואַלד פון אַ ברענענדיקער מאַמען,
אַ פויגל צעשראָקן פאַטשט די פליגל צוזאַמען.

איך קוק, און איך וואַרט, עס זאָל ווער זיך באַווייזן.
איך קלער גיין אַנטקעגן דעם נביא, דעם גרייזן,
נאָר דאָ נעמט עס הילכן, ווי שטאָל איבער אייזן.

די נאַכט איז פון טויזנטער קולות געלעכערט:
זיי קומען פון גריבער, פון קעלערס און דעכער,
זיי קומען און שטייגן אַלץ העכער און העכער!

מיר דאַכט: אין אַ חורבה פאַרצאַמט מיט אַ וואַנט,
איך שטיי גאָר און האַלט אַ ביקס אין דער האַנט,
איך שטיי גאָר און ברויז מיט נקמה־פאַרלאַנג!

אַ רויך, אַ געדיכטער, זעצט פון די פלאַמען.
מיין בוים נעמט זיך שיילן פון די רויכיקע ראַמען.
זיין קאָרע צעפּאַסמעט, ווי אַ פּנים מיט שראַמען.

דער זייגער נעמט שלאָגן פון שטאָטישן טורעם.
איך וועק זיך מיט צאַפּל — ס׳איז אויס מיטן שטורעם...
איך שטיי שוין דאָ לאַנג אין קלעם פון יסורים.

שטיל ווערט די נאַכט. דער פויגל שלאָפט איין.
איך שטיי אַלץ און וואַרט אין דער נאַכטיקער שיין —
איך וואַרט אַז דער נביא אין טיר זאָל אַריין.

.2

עס קומט ווער, עס קומט ווער, איך הער שוין דעם גאַנג!
עס קומט ווער מיט שטילן, פאַרשטיקטן געזאַנג, —
דער ווינט ברענגט אַלץ נעענטער, און נעענטער דעם קלאַנג.

עס קומט מער ווי איינער, עס קומען אַ סך.
ווער שוועבט דאָ אַרום מיר? ווער באַפליגלט די נאַכט?
עס קומען די קדושים געפאַלן אין שלאַכט.

איך שטרעק אויס די הענט—צו מיין ברוסט כ׳וויל זיי דריקן,
איך קאָן נישט דעם אויפברויז אין זיך מער דערשטיקן —
איך מוז זיי, די העלדן, נאָך איינמאָל דערבליקן.

אַ קינד פון דער געטאָ קומט־אָן מיר אַנטקעגן.
איך וויל אים וואָס זאָגן, איך וויל אים וואָס פרעגן, —
שטראַמט ליכט פון זיין פנים און בלענדט מיר די אויגן.

איך ווענד זיך צום מאַן, וואָס טראָגט נאָך די פאָן.
זיין בלוט אויף איר פלאַקערט רויטער פון מאָן, —
פאַרביי מיר ער טראָגט זי צום טיש אויבנאָן.

דער טיש פאַר די געהויבענע געסט איז געגרייט:
די מצות, דער וויין, די יום־טוב׳דיקע פרייד, —
„כל דכפין ייתי ויכול" — אַ מונטערקייט שפרייט.

נאָר זע! דאָרט נעבן מרור, די געלע לאַטע גליט,
אַ קויל פון בליי, אַ שטיקל העמד, אויף וועלכן בלוט נאָך זידט—
עס האָט געבראַכט זיי—כ׳האָב געזען—אַ ליבער, אַלטער ייד...

דאָס איז דאָך אליהו הנביא געקומען פון ווייטן!
געקומען מיט די קדושים אויף וואָלקנס צו רייטן...
ווי ער, זיי בלייבן אייביק, אייביק אין צייטן.

אַ קינדער־שיכל

דער קאָרעספּאָנדענט רעימאָנד דעיווים האָט געבראַכט
אַ קינדער־שיכל פון מאַידאַנעק.

.1

דעם קינדס שיכעלעך, דעם קינדס שיכעלעך —
די מאַמע וועט זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן.
פון אַן אַמעריקאַנער ליד.

די מאַמע וועט זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן.
נאָר די מאַמע ליגט קאַלט.
איר פאַרפייניקט געשטאַלט
שוועבט אַרום דאָ איצט אין מיין צימער.
עס רעדט צו מיר אין דעם אומהיימלעכן שימער
פון דעם נאַכט־לאָמפּ;
עס ציט זיך צו מיר פון די שאָטנס אויף די ווענט.
איך זע אירע הענט:
דאַרע סקעלעטן־הענט —
זיי גלעטן אַ שיכל,
אַ קינדעריש שיכל —
זיי האָבן דאָס שיכל דערקענט.

עס שטייט פאַר מיר הויל —
אַזוי עלנט און קליין...
עס טראָגט זיך פון דעם אַ קינדיש געוויין —
אַן אומבאַהאָלפן קינדיש געוויין.
עס ווייעט פון דעם אַזאַ אייזיקע קעלט!
עס שטייט זיך פאַרלוירן, אַליין אין דער וועלט,
ליידיק און הויל —
איך שפּיר,
דורך מיין הויט,
עס דרינגט טראָפּנווייז דער גרויל.

.2

אַ ווינט רייסט מיין לאָדן, אַ וואָיענדיקער ווינט,
ער קלאַפּט אין מיין טיר, אין מיין פענצטער.
ער ברענגט מיר דעם לעצטן געשריי פון דעם קינד,
פון מאַידאַנעקס קרבנות — דער קלענסטער.

ער שטייט דאָרט צעטומלט אין פּראַסטיקער ריי,
זיין אַנטאָן מען האָט שוין פאַרנומען —
ער שטייט דאָרט און וואַרט אין דעם אייזיקן שניי,
אַרום אים אַ יאָמערלעך ברומען.

ער ציטערט פון שרעק, און ציטערט פון קעלט —
עס פרירן די זודיקע טרערן.
אַ קינדערש געוויין אין אַ בלוטיקער וועלט,
וועט ווער דען דערפילן, דערהערן?

ער ווייסט נישט דער קליינער, זיין גורל, דעם וויסטן,
די פּיסעלעך בלוי, צום אייז צוגעפרוירן —
„די שיכלעך, די שיכלעך!" — ער יאָמערט, פאַרהיסט זיך, —
פאַרהאַקט זיינען לאַנג שוין פון רחמים די טויערן.

3.

אַ פעלד ליגט פאַרזייט מיט ביינער און אַש,
אַ פעלד וואָס דאַרף ברויטן געבערן,
נאָר וויפיל דער רעגן וואַשט עס און וואַשט,
ער קאָן נישט פאַרוואַשן קינדס טרערן.

אַ פעלד פאַרזייט מיטביינדלעך פון אַ קינד,
אַ פעלד פון קרויט און פון מערן,
נאָר ס׳יאָמערט בייטאָג און ביינאַכט דאָרט דער ווינט —
ער קומט פון די גאַז־קאַמער רערן.

אַ פעלד מיט אַש אונטער אָפענער זון,
אונטער הימלען נאַקעטע, הויכע;
קיין נעפּל, קיין וואָלקן דעקט עס נישט צו —
אַ וואָרנונג פאַר דורות — אַ צייכן.

מיין צימער, ווי ס׳פעלד איז אַש־גרוי און פוסט.
נישטאָ מער די מאַמע... דאָס קינד איז פאַרברענט...
דאָס שיכל שווימט אום אין טייכן פון בלוט —
ווי צו אַ וועלט, וואו אַזוינס קאָן געשען!

מיין פאָלק, מיין פאָלק!

אָ, ווער קאָן זיך צו דיר גלייכן אין טעג פון חורבן?
ווער נאָך, ווי דו, קאָן טראָגן שטאָלץ דעם דערנער־קראַנץ?
ווער נאָך, ווי דו, קאָן ברענגען טאָג נאָך טאָג דעם קרבן?
ווער נאָך קאָן דורכגיין דעם גיהנום, גאַנץ?

און בלייבן וועסטו גאַנץ, אויף דעם איז זון מיין עדות,
און הימל, און די שטערן וואָס זעען פון אייביק אָן:
דו בלוטיקסט פון די וואונדן, נאָך רו לעכצט יעדער אבר,
און דאָך, אין פרייהייט־שלאַכטן, קעמפסט ווידער אויבנאָן!

נעמען

איך זוך די נעמען פון קרובים און שכנים
מיט אויגן פאַרטרערטע, מיט ווייטיק אין בליק.
אפשר, אוי אפשר געפינען כ׳וועל איינעם,
כאָטש איינעם — אַ זכר, אַן אָנהויב, אַ בריק...

איך זוך אַלץ אַ קרוב, אַ מומען, אַ פעטער.
איז עמעץ אַנטרונען פון בלוטיקער שאַנד?
צו שפעט, אוי, צו שפעט איז געקומען דער רעטער —
מיין קאָפ זינקט אַרונטער... עס ציטערט די האַנט...

דער צעטל מיט נעמען שווימט פאַר די אויגן,
פון בלוטיקן ים שווימען אותיות אַרויס —
צעפייניקטע פליטים, צעבראָכן, געבויגן,
אויף שפענדלעך עס שווימט ווער — שטרעקט
הענט צו מיר אויס.

עס איז נישט מיין פעטער, עס איז נישט מיין קרוב,
ער איז מיר דאָך איינן, ער איז פון מייןביין;
ער האַלט מיינע וואָרצלען, מיין וויגל אין אָרעם,
ער רופט מיך פונווייטן מיט אַ ביטער געוויין.

אוי, ברודער, מיין ברודער, פאַרוואונדעט, פאַרלאָזן,
איך זע דיך, איך הער דיך — דו, נס פאַר מיין בליק!
דו ביסט מיר איצט זיידע, פעטער און קאָזין —
מיין האַרץ האָט פאַרוואָרפן צו דיר שוין אַ בריק.

וועכט

.1

אויף אַלע וועגן פון דער וועלט,
אין ווינט און רעגן, היץ און קעלט,
עס וואָגלען אום, עס וואַנדלען אום
פּליטים.

צו אַלע האַפנס פון די ים׳ען,
געטריבן פון די וויסטע פלאַמען,
עס ציען זיך, עס יאָגן זיך —
היימלאָזע.

ביי אַלע גרענעצן פון לענדער,
האַרט ביי שטילע, גרינע פעלדער, —
דראָט־פאַרצאַמטע, ביקס־באַוואַכטע
ווענט.

.2

ווענט.
טויבע ווענט.
קולות ווערן אין זיי פאַרקלונגען.
טרערן ווערן אין זיי פאַרשלונגען.
בלוט, זיי זאַפן איין, ווי שוואָמען.
ס׳בלייבן נישט אויף זיי סימנים.
ס׳בלייבן בלויז די טויבע ווענט.
שטיינערנע, גלייכגילטיקע ווענט.

3.

פליטים.

אַנטלאָפּענע, נאָר נישט אַנטרונענע.
ס׳גייט־מיט די שריפה, די שחיטה און שרעק.
ס׳פאָלגט־נאָך די האַק, די בייטש, די ביקס.
ס׳לויערן לאַגער, תפיסה, און טויט.
אָן אַ דאַך, אָן אַ היים, אָן ברויט.

די נאַכט איז אַ מסור,
דער טאָג אַ פאַררעטער.
בלויז לאָך און גרוב זיינען פריינט און באַשיצער.
בלויז פיבער אין לייב הייצט אימפעט פון לעבן,
טרייבט ווייטער און ווייטער:
„נישט אונטערגעבן! נישט אונטערגעבן!“

4.

לויפנדיקע אויגן, שפּיציקע, שרעקנדיקע,
ציטער אין קני;
אויערן געשפּיצטע, קאָפּ אין די אַקסלען,
פיבער אין פיס;
גאַס איז צו אָפן, זון איז צו העל,
שאָטן צו לאַנג...
לויפן, לויפן, שנעלער, שנעל!
פליען אין גאַנג...

נשמה אין די הענט צאַפּלט זיך, צאַפּלט זי ...
האַלט זי צו! האַלט זי צו!
נאָך אַ פּאָר שפּאַן,
נאָר אַ פּאָר טריט,
אַ זייטיקע גאַס,
אַ קעלער, אַ טיר.
דאַנקען גאָט! דאַנקען גאָט!
אַוועק דער זשאַנדאַרם —
מ׳זעט נישט קיין מונדיר...

האַלט צו דאָס האַרץ,
שטעל ווייטער פיס!
נאָך אַ פּאָר מייל,
נאָך אַ פּאָר טריט —
אַ באַן, אַ שאָסיי,
אָנטרעפן אַ ייד...
אַ נאַכט, אַ טאָג — —
באַלד, באַלד,
אָט, באַלד —
אַ שטאָט, אַ גאַס, אַ קאַנטאָר —
אָט איז ער, דער קאָנסול, אָט איז ער!
מאָנען, בעטן, טענה'ן, וויינען:
„אַ וויזע, אַ וויזע, אַ וויזע!
עס קומט מיר, עס קומט מיר
אַ וויזע!"

.5

פּאַפּירן.
אַ שטעמפּל פון טריוואָקס,
אַ קריץ פון אַ פּען —
אַ הייב אויף אַ לעבן,
אַ שליידער אין תהום!
גורלות אויף שאָלן —
די וואָג איז גאָר פאַלש!
זי רירט זיך פון אָרט נישט!
העפלעך און קאַלט,
אַ קאָפּ טוט אַ שאָקל: „עס טוט מיר זער לייד."
אַ קול גיט זיך אַ בייזער: „גייט ווייטער, גייט!"
אַ שלאָס גיט אַ קלונג,
(אַראָפּ פון דער וואָג...)
פאַר היינט איז גענוג —
פאַרענדיקט דער טאָג.

.6

ימ׳ען ברייטע, טיפע, ווייטע,
פירט מיך אַוועק פון גיהנום!
אַוועק, אַוועק!
שיף, דו געגאַרטע,
שנייד דורך אַ וועג —
ערגעץ־וואו, ערגעץ־וואו אַ וועג.
שיף, דו געטרייע,
גיב אַן אָרט פאַר מיין קאָפּ,
לאָז מיר אויסציען מיין גוף,
און אויסגלייכן די פיס.
אָ, לאָז מיר איינשלאָפן מיט אַ שלאָף וואָס איז זיס
אין דיינע וויגנדיקע אָרעמס...
ערגעץ־וואו וואַרט דאָך אַ ברעג,
ערגעץ־וואו איז די זון אַ מאַמע,
עס בליען בוים און בלום,
קינדער שטיפן,
געליבטע האַלטן זיך ביי די הענט —
אָ, ערגעץ־וואו שפרייטן זיך רוימען אָן ווענט!

פּליטים אויף אַלע שייד־וועגן פון וועלט.
ווענט ביי אַלע גרענעצן.
טויבע ווענט.
שטיינערנע, גלייכגילטיקע ווענט.

אין גרויזאַמע טעג

אין גרויזאַמע טעג איז געבאָרן מיין ליד —
אויף צעריסענע, בלוטיקע וועגן;
מיין היים איז פון פלאַמען געווען דאַן פאַרהיט —
בין איך זיי געגאַנגען אַנטקעגן.

דורך לויטערער לופט, דערהערט כ׳האָב געשרייען
פון מענטש און פון ערד אונטער צוואַנגען;
איך האָב זיך געטרונקען אין ים פון די ווייען,
וואָס האָט מיינע ברידער געפאַנגען.

איך האָב זיך געראַנגלט מיט יאוש דעם שוואַרצן,
ווי ס׳ראַנגלט זיך טאָג מיט דער נאַכט.
איך האָב נישט פאַרלוירן דעם גלויבן אין האַרצן,
אפילו אין ביטערסטער שלאַכט.

מיין גלויבן האָב איך אַ ירושה באַקומען
פון מיין טאַטן, דעם ערלעכן ייד;
בטחון, וואָס ער האָט פון דורות פאַרנומען,
ווי וויין, האָט געקרעפטיקט מיין ליד.

דורך מיר האָט געזונגען דער פיין פון קרבנות,
דער מוט פון דעם גבור, דעם העלד;
און איך האָב געברויזט מיט קאַמף און נקמה —
אין ראַנגל געפורעמט מיין וועלט.

דורך מיר האָט געיאָמערט דער וויטיק פון מאַמעס,
דעם יתומ׳ס פאַרלוירן געוויין;
און איך האָב גע׳יובל׳ט מיט נצח פון אומות,
וואָס קאָן נישט, און וועט נישט פאַרגיין.

אָ, איך בין דער אבל, און איך בין דער יורש
פון גרויסער, מענטשלעכער קדושה!
מיט ציטער באַהעפט איך מיין ליד מיט זיין שורש —
אחריות׳דיק כ׳טראָג די ירושה.

אינהאַלט

זייט

פאָרוואָרט פון ד. ב. ביילין . . . 3

1.

נצחון 7
מיט זינגענדיקע טריט 8
אָ, פרילינג, מיין פרילינג . . . 9
נייע שטערן 11
פרילינג אויף שלאַכטפעלדער . 12
אַ וואַסערל ביים וועג 13
האַרבסט-רעגן 14
שליטנס אויפן שניי 15
שניי 17
אין שאָטן פון אַ פאַלמע . . . 18
ביים ים 20
ס'איז מיין לעבן 23
די אייביגקייט פון לעבן . . . 24
פייף פון באַנען 26
פרילינג 27
זינגט מיר אַ ליד 28

2.

מאַמעס 31
וויג-ליד — 1942 32
גיי, קינד מיינס 34
אַ בריוו פון מיין זון 36

זייט

מאַמע 37
אונדזערע קינדער 38
ליד פון אַ כלה 39
אין דער נאַכט פון ניי-יאָר . . 40
ווי זיס דער נצחון 42
איך העלף דיר געווינען די שלאַכט 43
בענקשאַפט 44
ליבשאַפט 44

3.

רויטהויטיקע שוועסטער . . . 47
מיין לאַנד, מיין גרויס, שיין לאַנד 48
וואוהין מיין שיף 55
דאָס פאָלק האָט צו גרויסקייט
אים דערהויבן 56
אומבאַקאַנטער סאָלדאַט . . . 58
אינוואַזיע 59
ניי-יאָר — 1945 61
דער צאָרן איז צייטיק 62
אַ געבעט 63
סאַמוראַי 64
שעדליץ — מיין שטאָט . . . 65
אונטערגרונט 67
די שריפט 68

זייט

4.

מערב-צו ! 71
פלייץ, דניעפער, פלייץ 72
עך, פארטיזאנען ! 74
וויכער, געוויטער, ווער אַ געוועהר 76
דער דאָן איז רויט פון בלוט . 76
זיי וועלן זיך אומקערן 78
אויף באפרייאונג-מאַרשרוט . . 80
כ'זע דיך, דניעפער, אַ באפרייטן 81
פאַרטיזאַנען 84
אויף אוקראַאינער וועגן . . . 83
צום צוקונפט-לאַנד 85
אַרומרינגלונג 87
קיין בערלין, קיין בערלין . . . 88
בלויער באַגינען 87
ביסט פאַר מיר אַ וואונדער . . . 90
בירא-בידזשאַן, סאַלוט ! 91

זייט

בירא-בידזשאַן 92
טראָג זיך מיין ברייוול 93
ער וועט ווידער זיין יונג . . . 94

5.

אונדזער ווייז-געשריי 97
זיי קומען עדות זאָגן 98
כ'דארף קיין קריעה נישט רייסן 103
זיי לעבן אין אייביקן שיין . . . 104
אַ ייד ווערט געבוירן 111
אין די טיפעניש פון דיר
געפין איך דאָס וואָרט 114
זיי קומען צו מיין סדר 115
אַ קינדער-שיכל . . . . . . 117.
מיין פאָלק, מיין פאָלק 120
נעמען 121
ווענט 122
אין גרויזאַמע טעג 126